STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08489

# ROYTE KARSHELEKH RAYST MEN

Khaim Margoles Davidzon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# רויטע קאַרשעלעך רייסט מען

---

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „וואַרשע" . . . . ניו־יאָרק, 1946

דאָס אַרויסגעבן פון דעם ביכל איז פינאַנסירט געוואָרן
פון כאַווער אָרן בערג, פון בראַנטש 9, א. פ. פ. אָרדן
אין היילִיקן אָנדענק פון זיין מוטער
**פאַרע הערצנבערג**
און זיין שוועסטער
**ריווקעלע ווײַנבערג מיט איר מאַן און קינדער**
וועלכע זענען אומגעקומען אין דער וואַרשעווער געטאָ.

"ROITE KARSHELECH RAIST MEN"

(The Riper—the Pluckier)

(A Story of Jewish Life in the Warsaw Ghetto)

Copyright by
H. DAVIDSON
2855 Barker Avenue, Bronx 67, N. Y.

Published by "WARSHE" PUBLISHING
New York, 1946
Printed in U.S.A.

שאַר־בלאַט געצייכנט פון קינסטלער לערמאַנסקי

(זע פאַרלעצטע זייט פון דער הילע)

# רויטע קאַרשעלעך רייסט מען

(דערציילונג)

„ס׳וועט נאָך זיין פֿאָלק, ס׳וועט נאָך זיין איד,
טרוים וועט נאָך זיין, און גראָז.
אויף אייערע פֿאַרסאַטערטע גופֿים מיין ליד
זאָל ווי אַ רואיק ווינטל בלאָזן.“
(וואָלף יוניז)

אַ פֿריינט מיינער, וועלכער איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון אַ שקלאַפֿן־לאַגער נאָכדעם ווי די נאַציס זענען באַזיגט געוואָרן, איז דאָ ניט לאַנג צוריק אָנגעקומען אַהער, קיין אַמעריקע, צו זיינע קינדער. ווי אַ געוועזענער פֿאַך־קאָלעגע, מיט וועמען איך האָב אַמאָל געאַרבעט צוזאַמען אין פֿאַרשידענע שילדן־מאָלעריי־וואַרשטאַטן אין וואַרשע, איז ער געקומען מיך זען. איך האָב אויף אים געקוקט אַ צען מינוט צייט, געוואָלט אָנכאַפּן עפּעס אַן ענלעכקייט צו דעם ווי ער האָט אין מיין זיכּאָרן אַמאָל אויסגעזען, אָבער בשום אופֿן ניט געקאָנט. איך האָב דערזוואָרט צו זען אין אים — אַ כּוח געעלטערטן און גרויען — כאָטש עטוואָס וואָס זאָל מיך דערמאָנען אין אַמאָליקן שאָלעמען, אָבער גאָרניט געפֿונען. ער איז געווען נערוועז, איילנדיק און מיט אָפּגעהאַקטע זשעסטן. דערצו איז ער איצט געווען דאַר און קוואַר — אַ היפּעך פֿון זיין אַמאָליקער נייגונג צו פֿולקייט; איינגאַנצן אָן אַ האָר אויפֿן קאָפּ און מיט באַקן — דאַכט זיך אַזעלכע דורכזיכטיקע, אַז איך האָב פּאָשעט מורא געהאַט מיינע בליקן זאָלן ניט דורכבויערן קיין לעכער אין זיי. דאָס איינציקע, וואָס איז יאָ פֿאַרבליבן ביי אים, איז געווען דאָס אָפּטע אַריינוואַרפֿן אין זיינע רייד פּסוקים און שפּרוכן, פֿון וועלכע מיר האָבן אין יענע יונגע יאָרן טאָמיד אָנגעקוואָלן . . .

נאָכדעם ווי ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע אייגענע איבערלעבענישן און ליידן אין די נאַצישע שקלאַפֿן־לאַגערן ביז דער באַפֿרייאונג און זיין אַהערקומען און, נאָכדעם ווי איך האָב זיך שוין געהאַט אַביסל באַקאַנט מיט זיינע אויסקוקן דאָ ביי זיינע קינדער, האָב איך פֿאַרזיכטיק אַ פֿרעג געטאָן:

— נו, און וואָס איז געשען מיט די אַנדערע פֿריינט און קאָלעגן ? . . .

טכילעס האָט ער זיך געקווענקלט אַביסל. ענדלעך האָט ער, אויף זיין שטייגער, זיך אַ רייב געטאָן אין קאַרק און אויסגעצויגן:

— דער עמעס, ברודער, איז, אַז „מאַ נוימאַר אומאַ נעדאַבייר“ — ס׳איז שווער צו רעדן און ביטער צו שווייגן. אָבער אַז דער צאַר פֿון טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס און ווילסט דאַווקע וויסן, איז „לאַמאַ זע אָנויכי“ ? . . . איך קאָן דיר

נאָר זאָגן איין זאַך, אַז די נאַציס, יעמאַך שמאָם, האָבן אונדז געגעבן דעם טויט אין די הענט אַריין „ביין יוישווים אויביין מעסובים״, — צי מען האָט זיך יאָ מיט עפּעס פאַרזינדיקט, צי ניט . . . יאָ „אַני האַגעווער״ — איך בין געווען פון די סאַמע לעצטע אין דער געטאָ און איך האָב געזען יעדן טאָג ווי עס ווערט פון אונדזערע אידן אַלץ ווייניציקער און ווייניציקער...

— וואָס זשע איז פאַרט געשען מיט די אַנדערע? — האָב איך איבער־געפרעגט. — איך מיין . . . נו . . . ווי אַזוי?...

— וואָס עס איז געשען מיט זיי, פרעגסטו? — האָט ער אויסגעשטעלט אַ פּאָר טיף־קרענקלעכע אויגן אַף מיר און מיך באַטראַכט ווי איך וואָלט געפרעגט די גרעסטע נאַרישקייט. — עס איז געשען מיט זיי דאָס, וואָס עס איז געשען מיט אַלע אידן באַ די נאַציס. „מי באַאייש אומי באַמאַים״ — וועמען מען האָט פאַרברענט אין קאַלך־אויוונס און ווען מען האָט פאַרסאַמט מיט גיפט־גאַזן...

און מיטאַמאַל:

— הער נאָר, צאַלעל עקשטיינעץ, אונדזער אַמאָליקן באַלעבאָס, געדענקסטו דאָך מיסטאָמע, האַ? ווייסטו אַוואַדע ווי ער האָט אַמאָל געהאַלטן פון די יעקע־דייטשן. נו־נו, וואָלסטו געמעגט הערן וואָס עס האָט געטראָפן מיט אים און מיט זיין מישפּאָכע. יאָ, די דייטשן האָבן אים אָפּגעצאָלט פאַר זיין ליבע צו זיי . . .

איך האָב געשוויגן. אין דער רעגע האָט מיין געדאַנק זיך אַ טראָג אַריבער געטאָן אַף צוריק מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר, צו יענער צייט ווען איך בין נאָך געווען אין וואַרשע און געאַרבעט ביי אָט דעם צאַלעלן.

אייגנטלעך האָט דער נעמלעכער צאַלעל טאַקע געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם וואָס איך בין ביכלאַל געוואָרן אַ שילדן־מאָלער. דאָס איז געווען דעמלט, ווען מיין מוטער איז געגאַנגען מיט מיר זוכן פאַר מיר אַ „מאַכלעס״. נאָך אַ צאָל וואַרשטאַטן, וועלכע מיר האָבן באַזוכט און מעלאָכעס, פון וועלכע קיין איינע איז מיר ניט געפעלן, האָבן מיר זיך פאַרנומען אַהיימצוגיין. מיט־אַמאָל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ הויז אַף דזשיקע גאָס, גענומען נייגעריק קוקן אַף דער שילד, וואָס איז דאָרט געהאַנגען און אַף וועלכער עס איז גע־שטאַנען אויסגעמאָלט אין דער גאַנצער גרויס אַ מאַן מיט אַ פּאַליטרע אין דער האַנט, מאָלנדיק אַ בילד פון זיך אַליין. אונטן, אונטערן פּאָרטרעט, איז — ווי צעשטעלטע קלעצלעך אַף אַ פעלד—געווען אויסגעמאָלט אַף רוסיש און פויליש:

„זשיוואָפּיסעץ — צאַלעל עקשטיין״.

דאָס האָט מיך דעמלט אַזוי פאַרכאַפּט, אַז איך האָב זיך פּאַשעט ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דער שילד. איך האָב אַ זאָג געטאָן צו מיין מוטער:

— אָט דאָס וויל איך זיין! איך וויל אויך קאָנען מאָלן אַזוי ווי ער!...

און איך בין געבליבן באַ צאַלעלן אַף דער לער. . .

ער, צאַלעל, — דעמלט נאָך אַ יונגערמאַן אין די פריע צוואַנציקער — איז

געוועזן קוים אַ יאָר נאָך דער כאַסענע און ערשט מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק געעפנט אַן אייגענעם וואַרשטאַט. געוועזן איז ער — ווי מען האָט עס אָנגערופן ביי אונדז — אַ פּאַצעט. זיין קליידונג און זיין גאַנגעלע איז געווען אַזוי אַנדערש פון ס׳ראָוו וואַרשעווער אידן, אַזוי כיינעוודיק און אָנציִענדיק, אַז אַלע לערן־אינגלעך האָבן אים געפּראָבירט נאָכמאַכן. ער איז געגאַנגען מיט אַזאַ רירעוו־דיקן, קימאַט־קאָקעטישן גאַנג און מיט אַן עטוואָס־צו־דער־זייט געבויגענעם קאָפּ — אַזאַ כיינדעלע, אַקוראַט ווי ער וואָלט געשוואומען. די הענט זיינע — ווייטלעך אָפּגעשפּרייט פון די זייטן — האָבן בעאייסן גיין זיינעם עפּעס אַזוי מאָדנע געפּאָכעט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט וועט ער זיך גאָר אַ הויב אויף טאָן און אָוועקפליען. זומערצייט איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ לייכטן אַלפּאַגענעם אַנצוג מיט אַ האַרטן שטרוי־הוט. ווינטערצייט — אין אַ טונקל־בלויען, נעט־געפּרעסטן שעוויאָטענעם קאָסטיום, מיט אַ מאַנטל פון ענגלישן געוואַנט און מיט אַ שוואַרצן קאַראַקולנעם פוטערן היטל — עטוואָס צו דער זייט און אויפגעשטעלט אין דער גאַנצער הויך, מיט אַ קוים־אָנגעזען קנייטשעלע אין פאַרנט—מאָיסע „וואַוילעריונג". אַ שיינער יונג געווען דער צאַלעל און ער האָט דאָס, אָפּאָנים, געוואוסט און זיך אַזוי געהאַלטן. די שוואַרצע, שיטערע וואָנצעלעך זיינע — צעפּלאָשעט אַרויפצו, ווי ביי אַ קאַץ, אָן די פאַרדרייטע שפּיצן ווי מען פלעגט דאָס געווינטלעך טראָגן. פון דער אויבערשטער רעקל־קעשענע האָט אַרויסגעקוקט דער שפּיץ פון אַ פיין פאַריזער זיידן טיכעלע, מיט קאָלירטע רונדן און קוואַדראַטן, וואָס האָט אַרויסגערופן קינע באַ יעדן איינעם...

אַליין פון ערגעץ אין דער ליטע, איז זיין אויסשפּראַך געווען אַ דיקלעכע, אַ קעלנדיקע און מיט שאַרפע רייבן, ביים אויסרעדן געוויסע בוכשטאַבן, וואָס איז אים אָבער אַליין, מאַשמאָעס, שטאַרק געפעלן געווען. וואָרים ניט נאָר האָט ער זיך ניט געפּלייסט זיי ווי עס איז צו פאַרגלעטן, נאָר פאַרקערט — זיך אָנגעשטרענגט, אַז זיי זאָלן אַרויסקומען וואָס שאַרפער, וואָס רייבנדיקער. אין פּאַך האָט מען אים דערפאַר אונטער די אויגן געפלעגט רופן:

„זאָלעל טשאָגער"...

אַ טעווע האָט ער געהאַט, צאַלעל. אַזאַ: יעדן פרייטיק, איידער ער האָט געדאַרפט אויסצאָלן די לערן־אינגלעך און האַלבע געזעלן די סכירעס, פלעגט ער דאָס געלט אויסבייטן אויף פּיאַטאָקעס. זיי צעשטעלן אין רובלדיקע שטויס־לעך ביי זיך אָפּן טיש און, בעאייסן אויסציילן יעדן איינגל די צוויי רובל אין פּערציק פּיאַטאָקעס, אַרויסגעריבן אַף זיין שטייגער:

— נו, טשאָגער דו, זעסטו זשוין, אַז ביי זאָלעל עגשטיינען איז גוט צו אַכבעטן? זעסטו כאָדזש וויפל געלט דו קכיגסט ביי מיררר?!...

און ביי דער אַרבעט פלעגט ער קעסיידער אונטעריאָגן:

— כיך זיך, כיך זיך! עפּעס נאָר ווי אַ טויטעך העכינג זשלעפּסט עס

זיך... נו, מעג ניזש וואכשע בכענען, אז יעדער גאגער, יעדער זשטינקער, איז דא א זשילדן־מאלער, א גאנצערר זשיזאפישעק!...

און אז זיין יונג־חייבל פעסעלע, בעאייסן גיין אין גאס איינצוקריפן, פלעגט דערביי אנטרעטן אין ווארשטאט, פלעגט ער, צאלעל, — מעג זיין ווי פארנומען, אדער חיפל פרעמדע מענטשן עס זאלן ניט האבן געווען דערביי, — איר אנטקעגנגייך מיט אויסגעשטעלטע, פארריגגלטע ליפן און אויסגעזונגען:

— נו, פעזעלע, האכציקע, וואס העבט זיך וועגן א גוש, הא?...

פעסעלע פלעגט אים יעדעסמאל געהארכזאם אונטערטראגן א קוש אין די ליפן און אנטלויפן א פארשעמטע. פונקט אזוי האט זי אים אונטערגעטראגן די מיטיקן און וועטשערעס, וואס זי האט געקאכט לויט זיין געשמאק און יעדעס־מאל פארוואשן מיט א קוש. ווארים איז דען איר צאלעל ניט דער שענצטער יונגערמאן אין גאנצן הויף, אף דער גאנצער גאס און עפשער טאקע אין גאנץ ווארשע?... און צי דארף דען ביכלאל א אידישע טאכטער ניט ליב האבן איר מאן און אים צוליב טאן אלע זיינע פארלאנגען?...

איך װאלט זיך, ווער ווייסט, ווי ווייט פארקליבן מיט מיינע זיכרוינעס און ראיוינעס וועגן דעם צאלעלן, ווען מיין גאסט זאל מיר ניט געווען איבער־שלאגן. איך האב זיך פארשעמט און זיך אנטשולדיקט:

— זיי מויכל, שאלעם. איך האב זיך פארטראכט. דערציילט ווייטער...

מיין גאסט האט גענומען ביי מיר א סיגארעטל, פאררויכערט און גע־נומען דערציילן:

* * * * *

**פון אלע** ווארשעווער אידישע שילדן־מאלער איז איין צאלעל ניט געווען צו שטארק באזארגט וועגן דעם, וואס די נאציס האלטן ביים פארנעמען ווארשע. ער, צאלעל, האט אלע יארן געהאלטן א וועלט פון די דייטשן. ער האט פארגעטערט זייער פינקטלעכקייט, זייער ריינקייט און גוטן געשמאק. נאך פון די אלטע צייטן פלעגט ער אויסשרייבן פון בערלין די דייטשע פאך־זשורנאלן און לויט די מוסטערן אין זיי ארויסנעמען איינפאלן און אידייעס, סיי פאר מאדערנע קאליר־געמישן, סיי פארן צעשטעל פון די שורעס און סיי די כאראקטער־סטילן פון בוכשטאבן פאר די שילדן וואס ער האט געמאכט. שטענדיק פלעגט ער מיט באגייסטערונג רעדן וועגן די דייטשן:

— אט דאס הייסט גינסטלער־באלמעלאכעס — ניט געטשאגעט!...

ספעציעל איז ער געווארן א באגייסטערטער פארערער זייערער אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מילכאמע, ווען די דייטשן האבן געהערשט אין ווארשע. די איינציקע זארג זיינע איז דעמלט געווען, ווי אזוי וועט ער זיך קאנען אויסלערנען רעדן דייטש. אבער פעסעלע האט אים אלץ דערמוטיקט:

— נישקאַשע, צאַלעל קרויז, אַז האַסט זיך געקאַנט אויסלערנען רעדן פּוי־ליש, מיטן פּשע־פּשע־פּשען,—ועסטו זיך דייטש אַוודע קאָנען אויסלערנען...

האָט ער זיך צוגעפּאַסט און זיך אַרויסגעלאָזט אויסנוצן די געלעגנהייטן וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ער איז געווען באַגייסטערט פון דייטשישן באַ־פעל, אַז אַלע שילדן אין שטאָט — וועלכע זענען פריער, פאַר זייער אַריינקומען, געווען געשריבן אַף רוסיש און פּויליש — זאָלן ביז אַ געוויסער דאַטע איבער־געפאַרבט ווערן אַף דייטש און פּויליש, אָדער דייטש און אידיש — די שפּראַך, וואָס איז פריער, אונטערן צאַר, לאַבּלוטן ניט דערלויבט געוואָרן אַף שילדן.

צאַלעל האָט דעמלט געדונגען אַ באַלעגאַלע מיט אַ פּלאַטפאָרמע, אָנגעלאָדן זי מיט לייטערס, שטריק, בלאַקעס און הוקעס, אַ נעם געטאָן אַ כעוורע לערן־אינגלעך און זיך אַרויסגעלאָזט איבער די נאַלעווקעס, מאַרשאַלקאָווסקע און עלעקטאָראַלנע, — די האַנדלס־גאַסן פון שטאָט, צו די געשעפטן פון זיינע קלעיענטן. ניט אַנפרעגנדיק אַפילע ביי די באַלעבאַטים פון די געשעפטן, האָט ער אַרונטערגענומען פון איבער זייערע קראָמען די שילדן, זיי אַרויפגעלאָדן אַף דער פּלאַטפאָרמע און פאַרנומען אַפן הויף פונעם וואַרשטאַט. די סאַכרים האָט עס בעאיים מאיסע אַפילע ניט געאַרט. פאַרקערט: זיי זענען צופרידן גע־ווען, וואָס מען האָט זיי באַפרייט פון געפאַר צו דאַרפן צאָלן די שטראָף. ערשט אין אַ וואָך שפּעטער האָט זיך צאַלעל געלאָזט צו די סאַכרים, זיי געמאָלדן, אַז ער האָט זייערע שילדן, געפאַרבט וואָסער קאָליר זיי וואָלטן וועלן האָבן, וואָס אויפצושרייבן אַף זיי און ... אַפילע דערביי ניט געזאָגט דעם פּרייז וואָס עס וועט דאַרפן קאָסטן. דעמלט איז בעעמעס געווען דעם שילדן־מאָלערס צייט !...

דערנאָך, אַז צאַלעל איז שוין אַביסל פאַרטיק געוואָרן מיט דער פּריוואַטער אַרבעט, איז ער ערשט אַוועק צום קאָמענדאַנט פונעם אַרסענאַל, האָט זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט ווער ער איז און ... נאָך אַ שטיקל צייט איז ער אַרויס פון יענעם אַ פריילעכער, אויפגעלייגטער און מיט אַ קאָנטראַקט אין קעשענע, וואָס האָט אים באַוויליקט אַ פאַדריאַד אין אַרסענאַל, צו באַשמירן די פּולווער־פעסלעך מיט אַספאַלט־פאַרב, קעדיי זיי זאָלן ניט זשאַווערן, און אַף יעדן פעסעלע אויפצושרייבן מיט רויטער מיניע סעריע־נומערן און אַנדערע סיגנאַ־טורן, וואָס זענען נויטיק געווען פאַר מיליטערישע צוועקן ...

פיר לערן־אינגלעך און צוויי האַלבע געזעלן האָבן פון דעמלט אָן קעסיידער געאַרבעט אין אַרסענאַל ביי אָט די פעסלעך און צאַלעל האָט גאַנץ נישקאַשעדיק פאַרדינט דערביי. ער האָט זיך מיט פּראַצענטן אָפּגענומען די אַלע לאַפקע־געלטער און מאַטאַנעס, וואָס ער האָט אונטערגעטראָגן דעם געהילף־קאָמענ־דאַנט פון אַרסענאַל, דעם יונגן לייטענאַנט פריץ פאָן הענקעל ... צאַלעל איז דעמלט געווען אַפן זיבעטן הימל מאַמעש. יעדן שאַבעס, ווען ער איז אַהיים־געקומען פון אַרסענאַל מיט דעם געלט, וואָס ער האָט אָפּגענומען פאַר דער

אַרבעט, האָט ער פּאַשעט געשווּעבט אין דער לופטן. ער האָט אַרומגעטומען פּעסעלען, זי געקושט און געלאַבט:

— העכסטו, פּעזעלע סכרין, ס׳איז דאָך יעקע־דייטש, אָבער ער איז פאַכט בעסער ווי פּאַניע גאַנעוו. באַ יענעם האָט דאָך אַ איד אַפילע קיין פּכוטע ניט געקאָנט פאַכדינען, אָפּגעכעדט פון אַכיינקומען אין אַכסענאַל אַכיין . . .

פּעסעלע, וועלכע איז דעמלט — שוין עטלעכע יאָר נאָך דער כאַסענע — צום ערשטן מאָל פאַרגאַנגען אין טראָגן און איז געוואָרן נאָך שענער און רונדיקער, האָט גאָר געשיינט פון גליק. זי האָט זיך געטוליעט צו צאַלעלן, אים געקושט מיט אירע ווייכע, וואַרעמע און פעטלעכע ליפּן און זיך פריידיק געלאָזט גיין מיט אים איבער די שענצטע קראָמען, איינצוקויפן נייע קליידער און צירונג פאַר זיך. זי האָט געצערטלט צאַלעלן און גאַנץ ערנסט אים קאָמפּלימענטירט:

— ס׳איז ניט דער דייטש, צאַלעל קרוין. ס׳איז דו, דיין פּיאַיקייט. אַפילע פּאַניע וואָלט דיר ניט אָפּגעזאָגט ווען דו גייסט נאָר צו אים נאָך אַרבעט . . .

און אַז מען האָט זיך שוין יאָ געקאָנט פּאַרגינען, האָט צאַלעל געדונגען אַ נייע דירע פון פינף צימערן, מיט אַ שיינעם גאַסט־זאַל, קעדיי צו קאָנען אָף אַ פיינעם אויפן אויפנעמען זיינע נייע געסט — די דייטשישע אָפיצירן, איבער־הויפּט דעם קאָמענדאַנט פון אַרסענאַל און זיין אַדיוטאַנט, מיט וועלכע ער האָט געפירט געשעפטן. צוליב דעם האָט ער ניט נאָר זיך אַליין אָנגעהויבן צו פוצן נאָך מער ווי פריער, נאָר אויך פּעסעלען אָנגעטאָן אין פיינעם זיידנס און אין פוטערוואַרג; מיט דימענטענע רינגלעך, בראָשקעס, בראַסלעטן און אוירינגען. אַליין האָט ער זיך יעדן טאָג געלאָזט ראַזירן ביים שערער, צוגעפּראַוועט מיט אַ בינדע די וואָנצעס און זיך געטראָגן איבער די גאַסן מיט אַזאַ גאַדלעס, מיט אַזאַ שטאָלץ, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען גובערנאַטאָר פון וואַרשע . . .

הוליאַנקעס זענען ביי אים פאָרגעקומען קימאַט יעדן שאַבעס צו נאַכט. דער קאָמענדאַנט, זיין אַדיוטאַנט מיט נאָך עטלעכע אָפיצירן און אַ פּאָר פון זיינע געזעלן זענען געווען זיינע געסט און מען האָט געהוליעט ביזן טאָג אַריין . . .

צאַלעל האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט פאַר אָט די הוליאַנקעס. די בעסטע וויינען און קאָניאַקן, די טייערסטע ליקערן און שנאַפּסן, וואָס איז נאָר געווען צו קריגן, האָט ער אָנגעגרייט. ער האָט זיך געהאַט זיין אויסרעכענונג:

— „האַזויעדים בעדימאָ, בערינאָ איקצוירו״—אַז מען שמירט פאָרט מען...

און ער האָט טאַקע געשמירט. און וואָס מער ער האָט געשמירט, אַלץ מער האָט דער קאָמענדאַנט מיט זיין געהילף אים געגעבן אַרבעט און דערביי זיך אַפילע ניט געדונגען מיט די פרייזן. פאַרשטייט זיך, אַז דער מאַיאָר און דער לייטענאַנט האָבן דערפון באַקומען זייערע געהעריקע טיילן, אַ כוץ מאַטאָנעס...

צאַלעל איז געווען אַזוי צופרידן, אַז ער האָט איינמאָל צוגערופן דעם הויכן מענדלען, דעם עלטסטן געזעלן זיינעם, וועלכער איז געווען אַ קינסטלער

מאַלער, און אים אויסגעשטעלט מאָלן די פּאָרטרעטן פונעם מאַיאָר און דעם ליטענאַנט, וואָס ער האָט זיי צוגעטראָגן אַלס מאַטאַנעס צו זייערע געבורטסטעג. יענע זענען געווען באַגייסטערט פון די בילדער און האָבן דערפאַר געגעבן מענדלען פּופּציק מאַרק מעזומען און אַ זעקל מיט קאַרטאָפל פאַר זיין מישפּאָכע. דער מאַיאָר האָט אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— שאַדע, יונגערמאַן, זאָלכער קינסטלער ווי זי זאָל קיין דויטשע ניכט זיין, נור איין באַשיסענער יודע!... שאַדע־שאַדע, קרייץ־דאָנער־וועטער!...

די דייטשישע אָפיצירן האָבן זיך מאַמעש באַלעקט פון די פיינע מאַיכאָלים, וואָס פעסעלע — מיט דער הילף פון אַ געדונגענער קעכן — האָט צוגעגרייט פאַר זיי. די געפילטע פיש, די געשטאָפּטע קישקע, די פעטע טשאָלנטן, קוגלען, צימעסן און פּעטשאַ, — האָט זיי פּאַשעט באַגייסטערט:

— זאָלכע וואונדערלעכע גאַסטראָנאָמי! זאָלכעס הימלישעס קאָכן!...

זיי האָבן זיך געבויגן פאַר פעסעלען, געקושט אירע פּוכקע הענטלעך און צאַלעלען געהייסן קומען אַף צומאָרגנס, קעדיי צו קריגן אַ נייעם פּאַדריאַד...

אָט יענע גאָלדענע צייט ביי די דייטשן האָט צאַלעל געדענקט אַף לאַנגע יאָרן און גערעדט וועגן זיי אין בענגשאַפט מיט זאָפט אין מויל. ספּעציעל שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן פאַרלוירן די מילכאָמע און עס איז געגרינדעט געוואָרן די פּוילישע מעלוכע, וועלכע האָט אויך באַפוילן איבערצושרייבן די שילדן אַף דער נייער לאַנד־שפּראַך, אָבער... עס איז שוין ניט געווען ווי ביי די דייטשן. די נייע רעגירער האָבן ניט געשטעלט קיין באַשטימטע צייט דערויף און די סאָכרים האָבן דערפאַר געהאַט די מעגלעכקייט זיך פריער גוט צו דינגען מיטן שילדן־מאָלער, אײדער זיי האָבן אים געלאָזט אַרונטערנעמען די שילדן. דערצו האָבן די פּוילישע סאָכרים פון דער מאַרשאַלקאָווסקע און נייע־וועלט פּאַשעט ניט אַרויפגעלאָזט קיין אידישן באַלמעלאָכע צו זיך אַף דער שוועל אַרויף און צאַלעלן איז דעריבער אויסגעקומען זיך צו באַנוגענען מיט בלויז די אידישע געשעפטן פון דער גענשע, נאַלעווקעס און עלעקטאָראַלנע גאַסן. ער, צאַלעל, האָט זיך דעמלט געקאָכט:

— נו, מעגן ניט די דייטשן לעבן?... באַ זיי זענען די אידן געווען פּונקט אַזעלכע גנאַגעכס ווי די פּאָליאַקן. אַלע האָבן געמוזט איבערשרייבן די שילדן ביז אַ באַשטימטן טאָג און יועד עס איז געקומען פריער — דער האָט געקכאָקן די אָכבעט. אונטער זיי האָט דאָך אַ פּאָליאַק ניט געוואָגט צו עפענען דעם פּיסק אפילו...

ער האָט דעריבער ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך די דייטשן און זיי געלויבט ביי אַלע געלעגנהייטן. נאָך מער: ער איז אַפילע זיכער געווען, אַז די דייטשן האָבן גאָרניט פאַרלוירן די מילכאָמע, נאָר אַז איבער דעם פאַראַט פון געוויסע דייטשן אין לאַנד גופא, די סאָציאַליסטן, האָבן די אַנדערע לענדער...

אַזוי האָט עס זיך געצויגן יאָרן לאַנג. ספּעציעל אין די יאָרן פֿון פֿאַרדראָס איבער די שוורע גזירות און באַגרעניצונגען מיצד די פּאָליאַקן קעגן די אידן, האָט צאַלעל אַלץ געטרוימט וועגן די דייטשן און געהאָפֿט, אַז זיי זאָלן נאָכאַמאָל קומען און שוין אויף תּמיד פֿאַרבלייבן די באַלעבאַטים פֿון דער שיינער, גרויסער וואַרשע, וואו אַזאַ מענטש ווי ער וואָלט געקאָנט לעבן און לאַכן ווי אַמאָל . . .

* * * * *

ביסלעכווייז האָבן זיך צאַלצל מיט פּעסעלען גע־עלטערט און גרוי געוואָרן. צוויי קינדער זייערע האָבן שוין חתונה געהאַט. געבליבן איז בײַ זיי בלויז די מיזינקע פֿייגעלע, — אַ זעכצן־יעריקע וואונדער־לעך־שיינע מיידל, וועלכע האָט געלערנט אין אַ פּוילישן פּאַנסיאָן און אַהיים־געקומען בלויז וואַקאַציע־צייט, אָדער אַמאָל אויף אַ יאָנטעוו . . .

דעם שילדן־וואַרשטאַט האָט ער נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. איבער דער צייט האָבן זיינע געזעלן אויך חתונה געהאַט און געוואָרן באַלעבאַטים פֿאַר זיך, אָדער גאָר אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. לערן־אינגלעך זענען געוואָרן געזעלן און נייע אינגלעך זענען אָנגעקומען אויף דער לער. תּמיד האָבן בײַ צאַלעלן, ווי דער שטייגער איז געווען, געאַרבעט אַ צענדליק לערן־אינגלעך, וואָס זענען געלאָפֿן איבער די גאַסן מיטן וועגעלע אָנגעלאָדן מיט לייטערס און שילדן, און ווען די געגנט אַרום האָט — צוליב זייער טומל — גערופֿן: „צאַלעלס פֿאַזשאַרנע קאָמאַנדע“. . .

צווישן די נייע לערן־אינגלעך ביי צאַלעלן איז געווען איינער אַ בלאָנדער באָכערל פֿון פּראַגע. זיין נאָמען איז געווען מיילעך, אָבער, ווי יעדער איינער אין פֿאַך, באַקומען אַ צונאָמען „דאָס דאַמעלע“. דאָס איז אַפּנים געווען דער־פֿאַר, וואָס ער איז געווען אַ שטילער, פֿאַרכאָלעמטער און מיט אײדעלע, ווייכע מאַניערן. ער איז געווען אַ זייער פֿייאיקער יאַט: וואָס די אויגן האָבן געזען — האָבן די הענט געקענט. ווילסטו טאַנצן — איז מיילעך געווען פֿלינק אויף די פֿיס, מאַמעש אַ באַלערינע; ווילסטו זינגען — פּאַשעט אַ קאַרוזאָ. ערשט זיין שפּילן אויף דער מאַנדאָלין און דערצו נאָך לויט נאָטן, — אַז עס האָט זיך גע־דאַכט נאָר אַ גוטער פֿידל. פּעסעלע, ווען זי האָט מיילעכן געזען און געהערט דעם ערשטן מאָל אין וואַרשטאַט, האָט זיך פּאַשעט פֿאַרליבט אין אים. און ניט כאָלילע פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר איר טעכטערל פֿייגעלען. ניט איינמאָל האָט זי דערנאָך גערעדט מיט צאַלעלן וועגן מיילעכן און מאַמעדיק אונטערגעזיפֿצט;

— הערסט, צאַלעל קרוין, אַלעוואַי זאָל ער נאָר געפֿעלן ווערן פֿייגעלען ווי ער איז מיר געפֿעלן געוואָרן, וואָלט איך זייער צופֿרידן געווען . . .

צאַלעל האָט אָבער ניט געהאַלטן פֿון מיילעכן. ער האָט געזאָגט:

— אַי, פּעזעלע האַבציקע, וואָס כעדסטו? ער איז דאָך נאָר ווי אַ באַלשע־זיק און האָט אַ צו גרויס מויל. אומעטום רוקט ער די נאָז זיינע און . . .

ער האָט געטראָגן אַ קאָאָס אַף מיילעכן, ווייל יענער האָט זיך ניט געלאָזט שפּיען אין דער קאַשע אַריין און טאָמיד אָפּגעענטפערט. דעם ערשטן צוזאַמענשטויס האָט ער געהאַט מיט אים טאָקע אין וואַרשטאַט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געשפּאַרט מיט אים וועגן עפּעס און דערביי שפּאַטיש אים אַ זאָג געטאָן:

— וואָס ווייסטו וועגן דעם, דו יונגער שטשעניאַק איינער? . . .

— און איידער איר זענט געוואָרן אַן אַלטער הונט, פּאַניע עקשטיין, זענט איר דען פריער ניט געווען אַ יונגער שטשעניאַק? — האָט מיילעך גלייך ווי גאַרניט אים אָפּגעענטפערט, אַז אַלע אינעם וואַרשטאַט האָבן זיך אויש צעלאַכט...

האָט דאָס צאַלעל אים ניט געקאָנט פאַרגעבן און פאַרגעסן. אָבער פּעסעלע האָט אַלץ געהאַלטן אַ וואַרעם אויג אַף מיילעכן. זי האָט אים אָפּט, אַף נאָך דער אַרבעט, פאַרבעטן אַרויף צו זיך אין הויז אַריין, וואָס האָט זיך געפונען אין זעלבן הויף וואו דער וואַרשטאַט. איז אים מעכאַבעד געווען מיט שמעקנדיקער טיי און געשמאַקע קיכלעך, און אים דערביי געבעטן צו שפּילן אַף דער מאַנדאַלין זיינע האַרציקע אידישע פאָלקס־לידער און צוזינגען די שיינע רירנדיקע ווערטער, וואָס פאַרכאַפּן אַזש, ווי זי האָט געזאָגט, ביים האַרצן פון זיסקייט . . .

זי האָט געטאָן אַלץ וואָס אין אירע מאַמישע קויכעס צו געווינען מיילעכס ליבשאַפט, קעדיי אים צו געווינען פאַר איר פייגעלען. אָבער קיין דערפאָלג ביי דער טאָכטער האָט זי ניט געהאַט. עמעס, אין אָנהויב, ווען פייגעלע איז געקומען אַף וואַקאַציע פונעם פּאַנסיאָן און זי האָט מיילעכן דעם ערשטן מאָל פאַרגעשטעלט פאַר איר, האָט עס אויסגעזען, אַז עס וועט גיין אַ גאַנג. פייגעלע האָט זיך גראַד יאָ צוגעלאָזט צו מיילעכן, האַנאָע געהאַט פון זיין שפּילן אַף דער מאַנדאָלין און אַפּילע מיטגעזונגען מיט אים די לידער, וואָס זענען פאַר איר ביכלאַל געווען אַ נאָווינע. ספּעציעל איז איר געפעלן געוואָרן איין לידל, פון וועלכן זי האָט אָנגעקוואָלן און כיינעוודיק־קאָקעטיש געבעטן ביי מיילעכן:

— אָ, יאַק פּיענקנאַ, מאַילעך קאָכאַני, יאַק שליטשנאַ״ . . . דו מיר זינג נאָך יעשטשע יעדען ראַז דאָס לידל: „ראַיטע קאַרשאַלאַך ראָסט מע״ . . .

און מיילעך — איבערגליקלעך פון איר פאַרלאַנג — האָט גענומען מיט האַרץ און געפיל שפּילן פאַר איר און צוגעזונגען:

„ראַיטע קאַרשאַלאַך ראָסט מע, אין גרינע לאָאַט מע שטאָין,
שאָינע מאַידאַלאַך נעמט מע, אין מיעסע לאָאַט מע גאָין.
אַי, וואַי איז צי מיאַ אין צי מאַנע יינגע יואָ, —
אַ ליבע אָמאָ באַידע געפּיאַט, פעליקע דראָ־פּאַרטל יואָ . . .
וואוס טאָיג מאָ די פאַלקע מאַזורקע, אַז טאַנצן טאַנץ אָך זי ניש;
וואוס ניצט מאָ דוס מאַידל פין וואורקע, אַז ליבן ליבט זי מאָך ניש . . .

אי, וואי איז צו מיא אין צי מאַנע יינגע יואָ, —
אַ ליבע אָמאָ באידע געפּיאַט, פּעליקע דראַ־פּערטל יואָ . . .
וואוס טאָיג מאָ דעיר גאַיאָ וואָלעץ, אַז טאָנצן קאָן אָך עם נישו;
וואוס דאַרף אָך דוס מאַידל פּין שאָלעץ, אַז ליבן ליב אָך זי נישו . . .״

פייגעלע איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון אַט דעם לידל, אַז זי האָט גלייך איפּגעכאַפּט דעם צוזינג און אים געזונגען צוזאַמען מיט מיילעכן:

„אי, וואַי איז צי מיאָ אין צי מאַנע יינגע יואָ, —
אַ ליבע אָמאָ באַידע געפּיאַט, פּעליקע דראַ־פּאַרטל יואָ . . .

זי איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן דערפון, אַז זי האָט איינמאָל, נאָכן זינגען דאָס לידל, זיך פּלוצים אַ בויג צו געטאָן צו מיילעכן און אים אַ קוש געטאָן:

— דזשענקויע באַרדזאָ, פּאַניע מאַילעך. דזשענקויע טשען! . . .

אָבער שפּעטער מיט אַ יאָר, ווען פייגעלע איז געווען אָף וואַקאַציע און די מוטער האָט איר פאַרגעשלאָגן, אַז זי זאָל מיט מיילעכן גיין שפּאַצירן, אָדער צו אַ קינאָ־טעאַטער, האָט פייגעלע אַ קרום געטאָן דאָס שיינע פול־ליפּנדיקע פּיסקעלע אירס, זיך ווי אָנגעברויגעזט און שטיל איר אָפּגעענטפערט:

— מאַמושיאַ קאָכאַנאַ, צי דענקסטו, אַז איך בין שוין טאָקע ניט ווערט קיין בעסערס ווי אַזאַ אידיש מאַגידל, אַ פּאַשעטן שילדן־מאַלער? . . .

אין האַרצן באָ זיך האָט זי גאָר געטרוימט וועגן אַן אָפיצירל, אַ לייטע־נאַנט אין אַ שיינעם מונדיר; מיט אַ שווערד, עפּאָלעטן און שפּאָרן, מיט פּוץ און מיט עלעגאַנץ; אַ קאַוואַליער, וואָס קושט די הענט און זאָגט אַזוי אידל: „פּאַדאַם דאָ נאָג, מאַדמואַזעל עקשטיין; צאַלויען ראַנטשקע, פּאַננאַ מילאַשנאַ.״

ניין, זי האָט מיילעכן ניט פיינט געהאַט, פאַרקערט, זי האָט אים אָפילע גינציק געהאַט פאַר זיין פיינעם זינגען און שפּילן, פאַר זיין קלוגשאַפט, אָבער זיך פאַר־ליבן זיך אין אים — דערפון איז זי זייער וויט געווען . . .

מיילעך, אָבער, האָט זיך אָף אַן עמעס פאַרליבט אין פייגעלען. ער האָט מאַמעש געאָטעמט מיט איר צאַרטער שיינקייט, מיט איר גראַציעזן, שטאָלצן גאַנג; געלעבט מיט איר ליבהאַפטער געדעכעניש ווען זי איז צוריק אַוועק אין פּאַנסיאָן און ער האָט אַלץ געכאַוועט אין האַרצן די האָפנונג, אַז אויב פּעסעלע, איר מוטער, איז נאָר אָף זיין זייט, וועט ער שוין פייגעלען אַוואַדע אויך געווינען.

ער פלעגט דעריבער מיט פרייד און פאַרגעניגן אַרויפגיין אין די אָוונטן צו פּעסעלען, שפּילן פאַר איר אָף דער מאַנדאָלין און זינגען די האַרציקע לידער וועגן ליבע און בענגשאַפט. און ווער רעדט נאָך, אויב פייגעלע — ווען זי איז געווען אינדערהיים — האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס צו זיין שפּילן און גע־שמייכלט פאַרגיטיקנדיק צו אים, איז ער גאָר געווען אָפן זיבעטן הימל. איינ־מאָל, נאָך אַזאַ אָוונט, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, זי איינגעלאַדן און זי — אין איר פיין דערצויגנקייט — האָט איינגעוויליקט צו גיין מיט אים אין אַ דער־

בייאיקן קינאָ־טעאַטער. — דעמלט איז קיינער צו אים ניט גליך געווען . . .

אויך פעסעלע איז געווען שטאַרק צופרידן. ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון קינאָ האָט זי מיט פרייד זיי צוגעטראָגן טיי מיט קיכלעך, געקוקט מיט אַזאַ מאַמישן נאַכעס אָף די צעפלאַמטע פּענימער זייערע און געוואונטשן:

— טרינקט, קינדערלעך. האָט האַנאַע און זאָל אייך וואויל באַקומען!...

אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן זיי, פאַרלייגט די הענט אָף דער ברוסט און האַנאַעדיק זיך צוגעשאָקלט צום טאַקט פון מיילעכס שפּילן און זינגען. אָפט האָט זי געבעטן ער זאָל שפּילן דאָס פאָלקס־לידל „אַמאָל איז געווען אַ מאַיסע“, דערביי — ביי די דערמאָנטע נעמען אינעם ליד — צוגעטייטלט מיט אַ פינגער דאָ אָף מיילעכן, דאָ אָף פייגעלען און מיטגעזונגען:

„אַמאָל איז געווען אַ מאַיסע, די מאַיסע איז ניט פריילעך;
די מאַיסע הויבט זיך אָן־עט מיט אַ אידישן מיילעך . . .
ליולינקע מיין פייגעלע, ליולינקע מיין קינד, —
כ'האָב פאַרשפּילט אַ ליבע, ווי איז מיר און ווינד . . .“

אָבער גלייך נאָך די לעצטע ווערטער, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, אָף גיך אויסגעשפּיגן דריי מאָל און ווידער מאַמעדיק־פרום אַ זאָג געטאָן:

— ניטאָ געדאַכט, גאָטעניו אין הימל! ניט פאַר אונדז געדאַכט!... ביי אונדז זאָל טאָמיד זיין געוואונטע ליבע, האַרציקע ליבע און אָף לאַנגע יאָר!...

אָבער איר געבעט האָט ניט געהאָלפן. פייגעלע איז וואָס ווייטער אַלץ מער פרעמדער און קילער געוואָרן צו מיילעכן. פאַר אים אָבער, פאַר מיילעכן, איז אַט יענער קוש פייגעלעס געווען אַ גרויסע טרייסט. אין אַט דעם איינעם קוש אירן האָט ער געפונען גענוג באַרעכטיקונג פאַר זיינע האָפענונגען . . .

* * * * *

**אין וואַרשע** האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן גאַנץ אומרואיקע שטימונגען. מען האָט דערציילט וועגן נאַצישע מערדערייען; וועגן זייער פאַרכאַפּן פון טשעכאָסלאָוואַקיע און עסטרייך; וועגן זייערע שטילע פּאָגראָמען אָף די דאָרטיקע אידן; וועגן די ווילדע גזירעס און פאַרשיקונגען פון די דייטשישע אידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און ביכלאַל וועגן נאַצישע מילכאָמע־פּלענער. אין דער שטיל האָבן אידן דיסקוטירט וועגן דעם און מוירע געהאַט אָף די ליפּן צו ברענגען די געפאַר וואָס האָט זיי געדראָעט.

מיילעך פלעגט באַ יעדער געלעגנהייט רעדן וועגן דעם און געזאָגט, אַז די וועלט טאָר ניט שווייגן; אַז אַלע פעלקער דאַרפן זיך פאַרייניקן און אויסראָטן די נאַציס מיטן וואָרצל. איידער זיי צעשפּרייטן זיך איבער דער גאַנצער וועלט און פאַרשקלאָפן זי . . . ער איז געווען צופרידן, וואָס־אויך פייגעלע האָט געטראָגן אַ האַס צו די נאַציס. עמעס, ביי איר איז דאָס געווען מער איבער דעם

פּרילישן שטאָלץ האָט זי האָט איינגעזאַפּט אין דעם פּאַנסיאָן, און נישט ווי ביי אים, פון פּאָליטישן באַוואוסטזיין. ער האָט דעריבער געריידט מיט איר און איר דערקלערט זאַכן, וואָס זענען פאַר איר פרעמד געווען. ער האָט איר דער־ציילט פאַלן פון דער אידישער געשיכטע, וועגן אידישע העלדן און קעמפער און אויך וועגן אידישער מיסיע פון יוישער און גערעכטיקייט. ער האָט זי דערמוטיקט, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט אויך דעם נייעם סוינע, דעם נאַציזם, איבערלעבן, ווי עס האָט איבערגעלעבט אַלע פריערדיקע סאָנים. דער איקער: מען דאַרף נאָר קעמפן קעגן זיי . . .

בלויז איין צאַלעל האָט נישט געוואָלט גלויבן די אַלע מאַיסעס וואָס מען האָט דערציילט וועגן די נאַציס. אַ טייל פון זיי פלעגט ער פּאַשעט אויסלאַכן. אַנדערע האָט ער פאַרשריגן פאַר אויסגעטראַכטע בילבולים און אַנדערע — אַפילע גאָר פאַר באַרעכטיקטע אַקציעס. ער פלעגט טאַינען:

— ווייס איך וואָס . . . אַז מען זינדיקט נישט — שמייסט מען נישט. דאָס רעכנט מען זיך אָוואַדע אָפּ מיט די אייגענע פאַרעטער אין דייטשלאַנד גופע . . .

מיילעך און פייגעלע פלעגן פאַרציטערט ווערן הערנדיק פון צאַלעלן אַט די רייד. זיי האָבן אים געפּרואווט באַווייזן זיין פאַלשן קוק, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט זיי איבערגעשריגן. פעסעלע האָט זיך נישט געמישט. זי האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט גאָרנישט וועגן פּאָליטיק און איז קעסיידער געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט איבער דער ברוסט. טיילמאָל פלעגט זי בלויז אַ זיפץ טאָן:

— אַלעוואַי זאָל עס זיין אַזוי ווי דו זאָגסט, צאַלעל. איך האָב אָבער מוירע, אַז די קינדער ווייסן בעסער. אַ וועלט רעדט דאָך נישט אומזיסט . . .

צאַלעל האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי דאָס זייניקע:

— זשניידט מיר אָפּ דעם קאָפּ, האַכגעט מיך, אָבער איך קאָן וואָס נישט גלויבן אָף די דייטשן. זיי, די אײדלסטע און פיינסטע: די גרעסטע גינסטלער...

מיילעך האָט געשטורעמט:

— אַזעלכע ווי איר, פּאַניע צאַלעל, גלויבן ערשט דעמלט, ווען דער כאַלעף ליגט ביי אייך אָפן האַלדז, ווען דאָס אומגליק גרייכט אייך פּערזענלעך . . .

פעסעלע, מיט איר געוויינטלעכער צוריקגעהאַלטנקייט, האָט פּראָבירט גאַנץ פאַרזיכטיק אַריינוואַרפן:

— אָבער צאַלעל קרויזן, יענע זענען דאָך נישט קיין דייטשן, נאָר נאַציס . . .

— נאַציס־זשמאַציס, אויסגעטראַכטע זאַכן. — האָט ער אַלץ צוריקגע־שלאָגן. — דייטשן, וואָסערע נעמען מען זאָל זיי נישט געבן, און ווי זיי אַליין זאָלן זיך נישט רופן, בלייבן זיי אַלץ דייטשן. דאָס וואָס מען דערציילט וועגן זיי איז נישט מער ווי פּראָפּאַגאַנדע פון קאָמוניסטן־באָלשעוויקעס, אָט אַזעלכע ווי . . .

געוואָלט האָט ער זאָגן, אַזעלכע ווי מיילעך, אָבער . . . ער אַליין, צאַלעל, איז לעצטנס שוין נישט געווען אַזוי זיכער ביי זיך, אַז עס איז טאַקע נישט מער

ווי פּראָפּאַגאַנדע. אַפּסמאַל. ווען ער איז געווען מיט זיך אַליין, האָט ער זיך שוין אַפילע געמוטשעט מיט צווייפלען:

„און ווי אויב עס איז כאַלילע טאַקע עמעס? אויב די דייטשן קאָנען ווערן אַזעלכע, מיינט עס דאָך, אַז עס איז שוין גאָר עק וועלט . . .“

אַפילע שפּעטער, ווען איבער וואַרשע האָבן זיך אַ טראָג געטאָן די ערשטע באָמבע־עראָפּלאַנען און די הייזער אַרום האָבן אָנגעהויבן קראַכן פון די מאַסן אויפרייסן, האָט ער, צאַלעל — נאָכן אַרויסקומען פון דער קעלער־באַהעלטעניש — נאָך אַלץ פראַבירט פאַרטיידיקן די דייטשן:

— וואָס דען האָט איר געוואָלט, זיי זאָלן ניט זשיסן און ניט וואַרפן קיין באָמבעס? . . . יאָ, אַ זשיינע מילכאָמע, כ׳לעבן, וואָלט דאָס געווען . . . איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז ווען אונדזערע וואָלטן געהאָט עראָפּלאַנען, וואָלטן זיי אויך ניט געשוויגן און וואָלטן געוואָרפן באָמבעס איבער בערלין . . .

אַליין האָט ער גאָר דעמלט גענומען טראַכטן וועגן צוגרייטן דעם וואַרשטאַט זיינעם אַף צו קאָנען אויפנעמען די מאַסן אַרבעט, וואָס וועט אַוואַדע ווערן ווען די דייטשן וועלן האָבן פאַרנומען די שטאָט און אַרויסגעבן דעם באַפעל איבערצושרייבן די שילדן אַף דייטש, ווי בעאַיס דער ערשטער מילכאָמע. צאַלעל האָט דעריבער יעדן טאָג צו ביסלעך איינגעקויפט קאָנען מיט פאַרב (אין דער בעהאָלע, האָט ער זיך געטראַכט, וועט עס אַוואַדע קאָסטן טייערער, אויב מען וועט עס גאָר ביכלאַל קאָנען קריגן צו קויפן). ער האָט אָפּגעמאַכט מיט דעם אַלטן הערשעלע טרעגער, דעם שילדן־הענגער, אַז ער זאָל — אַזוי גיך ווי עס וועט נאָר אַריבער — צוקומען אַרבעטן ביי אים. ער האָט אויך באַשטעלט צוויי באַלעגאָלעס מיט פּלאַטפאָרמעס, זיי זאָלן קומען אַ טאָג נאָכדעם ווי די דייטשן וועלן איבערנעמען די שטאָט. ער האָט אַפילע אַ נעם געטאָן די לערן־איינגלעך זיינע, צוזאַמען מיט עטלעכע געזעלן און אָפּגערייניקט אַ שטיק פּלאַץ אַפן הויף, אַף צו קאָנען אַוועקשטעלן די געבראַכטע שילדן און זיי האַלטן ביז עס וועט קומען זייער ריי אַף איבערגעפאַרבט צו ווערן. ער האָט ביכלאַל אויסגעפּלאַנירט, אָנגעסטראַיעט, אַזוי צו זאָגן, דעם וואַרשטאַט צו דער פאַרשטייענדיקער אָנגעלאָדנקייט מיט אַרבעט . . .

* * * * *

**נאָך עטלעכע** וואָכן פון עראָפּלאַן־אַטאַקעס האָט וואַרשע זיך דאָך געמוזט אונטערגעבן און די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט. די צעטומלטקייט און דערשלאָגנקייט איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז שוין אַפילע מער קיין רייד ניט געווען וועגן דאַרפן איבערשרייבן שילדן אַף דייטש. נאָך מער: עס זענען שוין אין ערגעץ קימאַט קיין שילדן ניט געבליבן. עלעקטאַראַלנע און מאַרשאַלקאָווסקע איז געווען איין גרויסער כורבן. גענצע

און נאַלעווקעס — אָפּגעמעקט. די איינוואוינער פון שטאָט זענען אַרומגעגאַנגען צעווייטיקט. דער שטאָלץ פון לאַנד איז געלעגן אין שטויב . . .

די אידן — אַנגעשראָקענע פון דעם וואָס מען האָט נאָך מיט אַ צייט פריער דערציילט וועגן די נאַציס — זיינען אַרומגעגאַנגען ווי שאָטנס. טייל האָבן זיך גאָר אויסבאַהאַלטן אין זייערע היימען און זענען ניט אַרויס אַף דער גאַס אפילו אַף איינצוקויפן די נויטיקע שפייז פאַר זיך . . .

אויך צאַלעל האָט מיט שטילן פּאַכעד זיך געזעצט לעבן אַ פענצטער ביי זיך אין הויז, פון הינטער די אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן אַנגעצילט זיינע בליקן אַף דעם קיאָסק, וואָס איז געשטאַנען אַף דער גאַס, פונקט אַנטקעגן, און באַטראַכט די ניי־אויפגעקלעפּטע באַפעלן פון דער דייטשער אָקופּיר־מאַכט. שפּעטער צו האָט ער איינגעשטעלט, איז אַראָפּ אין גאַס און גענומען לייענען די דעקרעטן. ער האָט אויפגעציטערט לייענענדיק, אַז מען באַפעלט אַלע אידישע מענער צו רעגיסטרירן זיך אַף אַרבעט; אַז די שפּייז־קראָמען זאָלן פאַרקויפן צו אידישע קונים בלויז אין באַשטימטע שפּעטע נאָכמיטיק־שאָען, און נאָך אַנדערע מינים באַגרעניצונגען, פון וועלכע מען האָט אין יענער, דער ערשטער מילכאָמע, ניט געכאַלעמט אַפילע.

דערפאַר, אָבער, האָט ער מאַמעש אויפגעלויכטן בעאיס ער האָט דערזען אַף די באַפעלן אונטערגעשריבן דעם נאָמען: „גענעראַל פריץ פאָן הענקעל“. ער האָט נאָכגעטראַכט, איבערגעכאַזערט דעם נאָמען און זיך געזאָגט:

„פריץ פאָן הענקעל? אויב דאָס איז נאָר דער זעלביקער, דער אַמאָליקער געהילף־קאָמענדאַנט פון אַרכעגאַל, האָב איך זיך דאָך גאָרניט וואָס צו זאָרגן...“

אַ האָפנונגספולער איז ער צוריק אַרויף צו זיך אין שטוב, גענומען דעם פאַמיליע־אַלבאָם מיט פאָטאָגראַפיעס, אויפגעזוכט און זיך איינגעקוקט אין דעם בילד פון יענעם יונגן לייטענאַנט פריץ פאָן הענקעל, מיט דעם אונטערשריפט: „צו מיין ליבן פריינט צאַלעל עקשטיין“, וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק באַקומען צום אָנדענקען, און אָנגעזאָגט דער ווייב און דער טאָכטער די גוטע בסורע:

— יאָ, דאָס איז זיכער דער זעלבער. איך וועל צוגיין צו אים און . . .

יענע האָבן פלעגמאַטיש אויסגעהערט און געשוויגן. מיילעך, אָבער, וועלכער האָט די לעצטע פאַר וואָכן, פון זינט דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, זיך געהאַט אַריבערגעקליבן צו צאַלעלן אין הויז, קעדיי צו זיין נאָענט לעבן פייגעלען און זי באַשיצן, ווען נויטיק, איז אָזש אויפגעשפּרונגען:

— וואָס טוט זיך מיט אייך, פאַניע צאַלעל? אליין צו קריכן מיטן קאָפּ אין פּיסק אַריין פון אַ ווילדער כאַיע . . . דאָס איז דאָך פּאָשעט זעלבסטמאָרד!...

— ביסט אַ זשוליטע און אַ פּאַכדן! — האָט צאַלעל ביטלדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — האָסט טאָמיד ליב זשווער צו מאַכן ס׳האַכק. ס׳וועט גאָרניט געשען. מיר לעבן ניט אין אַ וואַלד און דייטשן זענען ניט קיין ווילדע כאַיעס . . .

ער האָט זיך גלאַט אַרומראַזירט, צוגעפּראַוועט, אָף זיין שטייגער, מיט דער בינדע די וואָנצעס און זיך אויסגעפּוצט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. דערנאָך האָט ער גענומען דעם לייטענאַנטס פאָטאָגראַפיע פון אַלבאָם אַרויס, אויפגעזוכט עפּעס אַן אַלטן בריוו, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט באַקומען פון יענעם און — אַ זיכערער אין זיך — זיך געלאָזט גיין צו דער דייטשער קאָמענדאַנטור . . .

איבער די האַלב־כאָרעווע גאַסן האָבן שטורעם־טרופּערס געפירט גרופּעס מיט פאַרנומענע אידן. וויטער־צו האָבן אַנדערע שטורמיסטן אָפּגעשלאָסן אַ גאַס, פאַרהאַלטן די פאַרבייגייער, נאָכגעקוקט זייערע דאָקומענטן און מאַסנווייז אַריינגעטריבן זיי אין אַ דערבייאיקן גרויסן פאַבריק־הויף . . .

צאַלעל האָט זיך אָנגעהויבן אַביסל צו שרעקן, אַז מען זאָל אים אַמאָל אויך ניט פאַרהאַלטן. ער האָט זיך אָבער אָנגעשטאַלט, זיך נאָך מער אויסגעגלייכט, טראַכטנדיק, אַז ער טראָגט דאָך עפּעס מיט זיך די פאָטאָגראַפיע און דעם בריוו פון קאָמענדאַנט. און ווירקלעך, ווען אַ פּאַטראָל האָט אים טאַקע אָפּגעשטעלט און אים שוין געהאַלטן ביים פאַרנעמען, האָט ער געוויזן די פאָטאָגראַפיע מיטן אויפשריפט און דעם פערזענלעכן בריוו; געזאָגט, אַז ער איז דעם קאָמענדאַנטס אַן אַלטער פערזענלעכער פריינט, צו וועמען ער גייט דאָס טאַקע איצט און . . . מען האָט אים אָפּגעלאָזט און ער איז אַוועק ווייטער.

ענדלעך איז אים געלונגען צו דערגיין ביז צום סאַמע אַריינגאַנג אין דער קאָמענדאַנטור. אָבער ערשט דאָרט האָט מען אים באַטראַכט מיט שטרענגן פאַרדאַכט. די וואַך־סאָלדאַטן ביי דער טיר האָבן אַרויסגערופן זייער עלטסטן. יענער האָט גוט איבערגעקוקט אי די פאָטאָגראַפיע, זיך געקווענקלט אַ ווייל. אָבער באַלד, ווען צאַלעל האָט אים אונטערגערוקט אַ פּאַפּירל פון אַ היבשער מאַטבייע, — איז ער ווייכער געוואָרן. ער האָט עמעצן אַרויפגעשיקט צום קאָמענדאַנט, צו מעלדן אים, אַז אַ מאַן וואָס גיט זיך אַן פאַר זיינס אַ פריינט, וויל אים זען . . .

עס האָט געדויערט אַ שטיק צייט ביז מען האָט צאַלעלן אַריינגעלאָזט אין דער קאָמענדאַנטור. ערשט דאָרט האָט אים אַן אַנדערער שטורמיסט באַזוכט. צי ער האָט אַמאָל ניט קיין געווער מיט זיך, און דערביי ציניש געברומט:

— אַ, מיר קאָנען אייערע שמוציקע קונצן; איר פאַרשטעלט זיך פאַר פריינט, פאַר וויכטיקע דעלעגאַציעס און כאַפּט זיך אַריין אין אונדזערע קאַנצעלאַריעס אָף צום דערמאָרדן וויכטיקע פערזענלעכקייטן. יאָ, מיר געדענקען נאָך דעם פאַרעטערישן אַקט פון דעם געמיינעם יודע אין פּאַריז . . .

און ער האָט אים אַריינגעפירט אין קאָמענדאַנטס אויפנאַם־צימער.

דאָרט, ביי אַ גרויסן דעמבענעם שרייב־טיש, איז געזעסן דער גענעראַל פּריץ פאָן הענקעל. צאַלעל האָט אים גלייך דערקענט, כאָטש ער איז שוין געווען פיל געעלטערט און גרוי. אָבער נאָך אַלץ ענלעך ווי אָף דער פאָטאָגראַפיע.

יענער האָט אים אויפגענומען אָפיציעל־טרוקן, אים מיקלוימערשט גיט דער־קענט און זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, אָז ער האָט ווען עס איז אָפילו געקאָנט עמעצן מיט אַזאַ נאָמען. ער האָט אים אָפילו ניט געהייסן זיך זעצן אָף דער גאַסט־שטול, נאָר אַלץ געקוקט אָף אים דורכן מאָנאָקל זיינעם, אַקוראַט ווי ער וואָלט געזוכט דורכצודרינגען נאָך וואָס דער מאַן איז געקומען צו אים.

צאַלעל — שוין עטוואָס אַ דערשלאָגענער און אַנטוישטער — האָט פונ־דעסטוועגן געפּרוּווט דערמאָנען דעם גענעראַל אין געוויסע זאַכן: אין דעם בילד, וואָס ער האָט אים אַמאָל פּרעזענטירט צו זיין געבורטסטאָג; וועגן די מאַלצייטן, וועלכע ער האָט אין יענע יאָרן געמאַכט פאַר אים און די פיינע שפּייזן וועלכע ער האָט דעמלט אַזוי ליב געהאַט . . . ערשט דאַן האָט דער גענעראַל אַפּגעלאָזט פון זיין אויג דעם מאָנאָקל זיינעם און טרוקן אַ ברום געטאָן:

— אַך־יאָ, איך דערינער זיך. אָבער וואָצו ביסטו יעצט געקאָמען, יודע?!...

— איך . . . — האָט צאַלעל פון פאַרלוירנקייט און צעטומלעניש גענומען אַזש שטאַמלען. — איך, הער גענעראַל, ווי אַן אַלטער פריינט פון דויטשלאַנד און ספּעציעל פון אייך פּערזענלעך, וויל העפלעכסט בעטן מיר געפעליקס צו געבן אַ צייגניש, וואָס זאָל מיך שיצן פון פאַרפאָלגונג און . . . רעקאָמענדירן מיך צום אַרסענאַל־דירעקטאָר, ער זאָל מיר באַווילקן אַ קאָנטראַקט, ווי אַמאָל . . .

דער גענעראַל האָט פון דער זייט אַ שפּאָטישן קוק געטאָן אָף אים און מיטאַמאָל, שטשירענדיק מיט די ציין, גענומען בייז ברומען:

— אַך־זאָ, געקומען איך זאָל דיר העלפן באַרויבן דאָס דויטשע ווייך מיט יודישע שווינדל־געשעפטן?!... נון, דאָס וועט דאָך ניכט גיין, יודע!... מיר האָבן יעצט ווער עס זאָל די אַרבעט מאַכן. מיר האָבן דערויף יודן אין לאַגערן!...

צאַלעל איז געוואָרן אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן שווייס און האָט ווי פאַרלוירן דאָס לאָשן. ער האָט געטראַכט וועגן אַנטשולדיקן זיך און זיך פאַרנעמען פון דאַנען. אָבער ניט די צונג און ניט די פיס האָבן זיך געוואָלט רירן. ער האָט געקוקט אָפן גענעראַל מיט אַזעלכע פלעגמאַטיש־בעטנדיקע אויגן, מאַמעש נאָר ווי עפּעס אַ געשלאָגענער הונט. ער האָט פּראָבירט עפּעס אַ מורמל טאָן, אָבער דער גענעראַל האָט גראָד דאַן אַ קלונג געטאָן און עס זענען אַריין צוויי שטור־מיסטן, צו וועלכע ער האָט — אָנווייזנדיק אָף צאַלעלן — צוגעוואָרפן אַ באַפעל:

— נעמט אים צו. דעם באַשיסענעם יודן־שווין! . . . שיקט אים אַריין אין דער אויספאָרשונג־ביוראָ ביז מיין ווייטערדיקער פאַראָרדנונג! . . .

* * * * *

**אַז עס איז** געוואָרן שפּעט און צאַלעל איז נאָך אַלץ ניט צוריק אַהיימגעקומען, איז פעסעלע געוואָרן זייער באַאומרואיקט. זי האָט געבראָכן די הענט אין פאַרצווייפלונג און געכליפּעט:

— וואָס טוט מען, וואו גייט מען, וואָס הויבט מען אָן צו טאָן ? . . .

זי איז אַריין צו מיילעכן אין צימער, אים אויפגעוועקט און געבעטן :

— מיילעכל קרוין, נעשאָמע מיינע, עפּעס אַן אומגליק האָט געמוזט טרעפן מיט צאַלעלן. גיב אַן אייצע וואָס צו טאָן. ביסט דאָך עפּעס אַ קלוגער באָכער...

מיילעך איז געוואָרן בלייך. און כאָטש ער האָט דערוואַרט, אַז פון צאַלעלס גיין צום קאָמענדאַנט וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען, האָט ער אָבער ניט געוואָלט שווערער מאַכן ס'האַרץ ביי פּעסעלען, און דעריבער רואיק געענטפערט :

— עט, עס איז גאָרניט געשען. מיסטאָמע האָט אַ פּאַטראָל אים פאַרהאַלטן אַף דער גאַס און וועט אים פריילאָזן ווען ער וועט ווייזן די דאָקומענטן פון זיין גוטן פריינט פאַן הענקעל. ער וועט אָוואַדע באַלד אַהיימקומען . . .

אָבער אַז עס איז געוואָרן טאָג און עס זענען אַריבער נאָך עטלעכע שאָ און צאַלעל איז נאָך אַלץ ניט צוריקגעקומען, — איז אין שטוב געוואָרן אַ טישעבּעאָוו. פּעסעלע האָט ספּאַזמירט. פייגעלע, כאָטש זי האָט זיך געהאַלטן אין דער מאַראָכע, קעדיי ניט אַרויסצעווייזן דער מוטער איר זאָרג, איז שוין אויך געוואָרן גאַנץ אומרואיק. זי האָט נערוועז געביסן די נעגל אַף די פינגער און זיך געדרייט אין אומגעדולד אַפן פּאַטעל. מיטאָמאָל האָט זי זיך אַ ריס אויף געטאָן פון דעם געזעס און אויסגעפּלאַצט :

— זיצן אַזוי און זיך אויסעסן די הערצער איז דאָך אויך ניט קיין פּלאַן. די נאַציס האָבן ניט קיין טעווע צו מעלדן די מישפּאָכעס ווען זיי פאַרנעמען אָדער טוען אָפּ אַן אַנדער מיעס שטיקל מיט אַ אידן. איך רעכן דעריבער, אַז צום בעסטן וועט זיין זיך אַליין מאַטריעך צו זיין און . . .

און באַלד — אַנטשלאָסן :

— יאָ, איך וועל פּערזענלעך צוגיין צום קאָמענדאַנט און זיך דערקונדיקן !

מיילעך, אַז ער האָט דאָס דערהערט, האָט אַזש אויפגעציטערט. ער האָט גענומען איינטיינען מיט פייגעלען, אַז דאָס איז אַן אומגעזונטע זאַך און אַז עס איז אַ סאַך געפערלעכער נאָך ווי צאַלעלס גיין אַהינצו :

— וואָס איז, — האָט ער רעזאָנירט מיט איר, — די אויסוואורפן דאַרפן טאָקע ניט מער נאָר אַז אַ שיין אידיש מיידל זאָל נאָך אַליין קומען צו זיי זיך דערלאַנגען ? ! . . .

ער איז באַשטאַנען, אַז ער אַליין זאָל צוגיין. עס איז אָבער קלאָר געווען, אַז ניט נאָר וועט ער גאָרניט אויפטאָן דאָרט, אויב מען זאָל אים אַפילע צולאָזן צום קאָמענדאַנט, נאָר אַז ער וועט אָוואַדע פאַרפאַלן ווערן פּונקט ווי צאַלעל...

נאָך לאַנגע דינגעינישן צווישן זיך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ביידע, סיי פייגעלע און סיי מיילעך, זאָלן אַהינגיין און דערביי האָפן אַף דעם בעסטן . . .

ווי מיט ניסים איז זיי ביידן געלונגען דורכצוגיין די עטלעכע גאַסן אַפן וועג צו דער קאָמענדאַנטור, אַז קיין פּאַטראָל זאָל זיי ניט פאַרהאַלטן. צו יענער

צייט זענען גראָד קיין צופיל פּאַטראָלן ניט געווען און יענע, וועלכע עס איז זיי יאָ אויסגעקומען פאַרבייצוגיין, האָבן עפּעס נאָר ווי אַפשיי געהאַט פאַר דער שיינער, שלאַנקער און פיין־געקליידטער יונגער דאַמע און איר באַגלייטער. מיט איר שמייכל האָט פייגעלע אויך באַווירקט דעם עלטסטן פון דער וואַך ביי דער קאָמענדאַנטור, אַז יענער זאָל זיי אַריינלאָזן און מעלדן דעם קאָמענדאַנט, אַז זי מוז אים דרינגנדיק זען. אַ ווייל שפּעטער האָט מען זיי אַריינגעלאָזט . . .

דער גענעראַל פאָן הענקעל איז, ווי געוויינטלעך, געזעסן ביים שרייב־טיש מיקלוימערשט פאַרטיפט אין פּאַפּירן און אַפילע ניט אויפגעהויבן די אויגן אַ קוק צו טאָן אַף די אַריינגעקומענע. עס איז אָבער געווען לייכט צו מערקן, אַז פון אונטן, פון איבער דער פלאַך פונעם שרייב־טיש, האָט ער מיטן באַמאַנאָקלטן אויג דורכגעדרונגען די באַזוכער. ענדלעך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך שאַרף איינגעקוקט אַף די צוויי מענטשן ביי דער טיר, זיי ווי געמאָסטן און געוואויגן און, מיט שטייפן דייטשישן פּאָמפּ, אָפּגעקלאַפּט:

— הייל היטלער! קאָמען זי נעענטער, ביטע! . . .

זיי זענען צוגעטראָטן.

— איר נאָמען, זע איך אין דער מעלדונג, איז פרוילין עקשטיין און אַ באַגלייטער. אַלזאָ, וואָס איז איר פאַרלאַנג, גנעדיקעס פרוילין? . . .

ער האָט פייגעלען אָנגעצייגט אַף דער שטול לעבן זיך און צוגעגעבן:

— זיצן זי, גנעדיקעס פרוילין. ביטע שיין . . .

זי האָט זיך צוגעזעצט אַפן ברעג אין אומגעדולדיקן פאַרזוך צו זאָגן וועגן וואָס זי איז געקומען. דער גענעראַל האָט איר אָבער ניט געלאָזן רעדן. אָנשטאָט דעם האָט ער די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט איר צו מאַכן קאָמפּלימענטן; באַוואונדערט איר שיינקייט, אירע פּעך־שוואַרצע האָר און לעבעדיק־בלויע אויגן, איר שלאַנקע פיגור און אירע פיינע זאַפטיקע ליפּן:

— מיין גאָט! — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן, — ווי קומט זאָ פיל שיינקייט צו אַן איינציקער פרוי... מערקווירדיק, ווירקלעך מערקווירדיק!...

מיטאַמאָל האָט ער אַ ווענד אָפּ געטאָן זיינע בליקן פון איר, אַ קוק געטאָן אַף מיילעכן און מיט מערקבאַרער איראָניע אַ ברום געטאָן:

— און ווער איז דיזער קערל, ליבעס פרוילין? . . .

— אָ, אַנטשולדיקן זי, הער גענעראַל, — איז פייגעלע רויט געוואָרן און אויפגעשפּרונגען פון דער שטול, — דער איז אַ פאַמיליע־פריינט. זיין נאָמען...

— אַ פאַמיליע־פריינט? — האָט דער גענעראַל ציניש געשמייכלט, — נור איין פאַמיליע־פריינט און ניכט מער? אָ, דאַן איז עס דאָך גוט, אויסגעצייכנט...

פייגעלע איז געוואָרן ווי צעטומלט אַפן מאָמענט. באַגריפן האָט זי, אַז די באַמערקונג דעם גענעראַלס שמעקט מיט סאַם. און קעדיי צו פאַריכטן די לאַגע, האָט זי — שפּירנדיק, אַז זי איז רויט געוואָרן דערביי, — גענומען שטאַמלען:

— עס הייסט, הער גענעראַל, אַז דער יונגערמאַן איז אויך מיין געליבטער. מיין ע . . . ברויטיגאַם און . . . מיר האָבן פּלאַנירט קירצלעך צו הייראַטן . . .

דער גענעראַל האָט אַפּגעמאַסטן מיילעכן מיט כּויזעק און זיך צעלאַכט:

— וואָס? דער־אָ — איר ברויטיגאַם?... אַך, זי שפּאַסן גענייס, גנעדיקעס פרויליין... יעדנפאַלס, — האָט ער מיטאַמאָל געענדערט דעם טאָן, — באַגרייף איך ניט וואָצו זי האָבן אים מיטגעבראַכט אַהער. זי ווילן דאָך געוויס רעדן צו מיר וועגן איר ליבן פאָטער, ניכט וואַר?... זאָ וואָס האָט ער דערמיט צו טאָן?...

ער האָט גלייך אַ קלונג געטאָן אין גלעקל און אַ זאָג געטאָן צו די צוויי אַריינגעקומענע שטורמיסטן:

— נעמט דיזן יונגנמאַן אין קליינעם וואַרט־צימער און מיך אונטער קיינע אומשטענדן ניט צו באַאומרואיקן ביז איך וועל גרייט זיין! . . .

פייגעלע איז געוואָרן בלאַס און צעקלעמט. זי האָט זיך אינסטינקטיוו אַ ציי געטאָן צו מיילעכן, געקוקט אין זיינע אויגן מיט פאַרדראָסיקער כאַראַטע, מיט געבעטס פאַר פאַרגיבונג און דערביי מיט פאַרזיכערונג אַ שעפּטשע געטאָן:

— נישקאָשע, מיילעך, איך וועל קאָנען שטיין אַף מיינע אייגענע פיס ווי אַ אידישע טאָכטער און וועל שוין זען, אַז אויך דיר זאָל קיין שלעכטס ניט געשען.

מען האָט מיילעכן אַרויסגעפירט. עטלעכע סעקונדן, ווי לאַנגע יאָרן פאַר פייגעלען, זענען דורך אין פיינלעכער דערוואַרטונג. עס האָט איר איצט שטאַרק פאַרדראָסן אַף זיך, וואָס זי האָט זיך געלאָזט באַהערשן פון אירע געפילן און ניט געהערט מיילעכס וואָרנונג, אַז צו מערדערישע נאַציס איז פאַר אַ מיידל אַ געפאַר צו גיין בעטן הילף, מעג עס זיין אַפילע פאַר אַן אייגענעם פאָטער . . .

דער גענעראַל האָט זיך שוין מער ניט צוריקגעזעצט אַף זיין פּלאַץ לעבן דעם שרייב־טיש. אַנשטאָט דעם — נאָכן אַרומדרייען זיך אַ צוויי מאָל הין און צוריק איבערן צימער, ווי ער וואָלט פּלאַנירט אַ וויטערדיקן צוג — איז ער געלאָסן צוגעטראָטן צו פייגעלען, זי אָנגענומען ביי דער האַנט, געגלעט מיט דער פרייער האַנט איר שוואַרצע הענטשקע און עלעגאַנט געשמייכלט צו איר:

— נון, יעצט ליבעס פרויליין, וועלן מיר ביידע זיך דאָ צוזעצן געמיטלעך צו באַשפּרעכן איר פאַרלאַנג און זען וואָס קאָן געטאָן ווערן. ניכט וואַר? . . .

ווי אַ פאַרווירטע האָט פייגעלע זיך געלאָזט צופירן צו דער קושעטקע, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן, אין דער צווייטער זייט פונעם שרייב־טיש, פונקט ווי אַ מאַכטלאָזע האָט זי זיך אַראָפּגעזעצט, האָבנדיק פונדעסטוועגן דערביי איינזינען אויסצוגלייכן אַף זיך דאָס קליידל און צו פאַרדעקן די קניען. דער גענעראַל האָט מיט זיינע בליקן נאָכגעפאָלגט איר יעדן באַוועג און אַלץ געשמייכלט:

— אָ, וואָצו דאָס טוגענד, פרויליין עקשטיין? לאָסן זי דאָך אַן אָרמען מאַן געניסן פון איר שיינהייט, פון איר פרויען־רייץ, פון איר קערפּער־געבוי . . . און מיטאַמאָל:

— וויסן זי, ליבכען, איך האָבע אימער געטראַכט, אַז עס איז ניט ריכטיק דאָס זאָלכע אויסנאַם־שיינע פרויען זאָלן חתונה האָבן און געהערן נור צו איין איינציקן מאַן בלויז. איך גלויב, אַז די נאַטור האָט באַשאַפן זאָלכע פרויען ווי זי פאַר דעם גענוס פון פיל מענער, איבערהויפּט פאַר די יענע פון די העכערע קלאַסן, פאַר זאָלכע ווי איך, צום ביישפּיל. ניכט וואָר, ליבכען? . . .

פייגעלע איז געוואָרן מעוואולבל. זי האָט, וואָס די וואָר, זיך געריכט צו הערן אומאַנגענעמע רייד פון גענעראַל, אָבער אַזעלכע פרעכע אַנצוהערענישן האָט זי אַפילע פון אַ נאַצי־אָפיציר, ספּעציעל מיט אַזאַ הויכן ראַנג, ניט דער־וואַרט. זי האָט שוין איצט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אַנטלויפן, האָט זי באַ־גריפּט, איז אויסגעשלאָסן. זי האָט דעריבער אַ טראַכט געטאָן, אַז עפּעשר וועט בעסער זיין צו פאַרקוקן, זיך מאַכן ניט־הערנדיק און, פאַרקערט, זיין פריינטלעך ביז געוויסע גרענעצן, עפּשער וועט איר דורך דעם געלינגען צו ראַטעווען דעם פאָטער. זי האָט דעריבער אַ דינעם, וואַרעמען שמייכל געטאָן:

— אַ, גנעדיקער הער גענעראַל, דענקען זי ניכט, אַז אַ פרוי האָט פיל ליבער ווען אַ מאַן רעדט צו איר מער צוריקגעהאַלטן, מער עקזאַקט? . . .

דער גענעראַל האָט אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג און צודרינגלעך גענומען גלעטן אירע הענט און אירע האָר. מיטאַמאָל האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר, אַ קוש געטאָן איר הענטשקע און באַלד זיך גאָר אַרונטערגעלאָזט אַף דער קני לעבן איר, גענומען קושן איר שיכל און ליידנשאַפטלעך געשעפּטשעט:

— אַ, דו ביסט דאָך איין ענגל, איין געטין! . . . און אויב, ליבכען, ווילסט איך זאָל באַפרייען דיין פאָטער, דיין געליבטן און, יאָ, אויך דיך, וועסטו מוזן מיר דיין ליבע שענקען. איך וועל דאָן דיין פריינט זיין, דיין באַשיצער . . .

ער האָט זיך צוגעבויגן, געוואָלט זי אַרומנעמען, אָבער פייגעלע האָט אים אײדל און איינגעהאַלטן אַלץ אָפּגעשטופּט פון זיך:

— אַ, הער גענעראַל, ליבע קומט דאָך ניט אַזוי אומדערוואַרט. ליבע מוז זיך דאָך אַנטוויקלען. דערצו, הער גענעראַל, ווי פּאַסט עס גאָר פאַר אייך? . . .

— ווי פּאַסט עס,—האָט ער געלאַכט,—איך בין דאָך אַ מאַן, ניכט וואָר?...

מיטאַמאָל, ווי ער וואָלט באַשלאָסן, אַז עס פּאַסט טאַקע ניט פאַר אים צו בעטן ליבע ביי איר, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר און פרעך גענומען צע־קנעפּלען די בלוזקע ביי איר. פייגעלע איז געוואָרן אויסער זיך פון אויפרעגונג און גענומען קראַצן מיט אירע רויט־מאַניקיורטע נעגל דעם גענעראַלס הענט. ער, זעענדיק דאָס בלוט, האָט איר אַ שטויס געטאָן, גענומען קריצן מיט די ציין:

— עך, דו פאַרפלוכטע! איך בין דיר ניט צום האַרצן?! . . . הייסט עס, אַז מיט יענעם נישטיקן שמוציקן יודן־שווייַן יאָ און מיט מיר — ניט? . . . עך, דו געמיינע און פאַרפלוכטע יודן־הור! . . .

פייגעלע — שוין אינגאַנצן אַ היסטערישע — האָט אויסגעשריגן:

— זאָ, בין איך אַ יודן־הור ווען איך באַשטיי אַף מיין טוגנט ! . . . און מיט איין ווייל צוריק, ווען איך האָב בלויז אַ קליינעם שמיכל געטאָן, בין איך געווען אַן ענגל, אַ געטין און דער הער גענעראַל האָט געקושט מיינע פיס, ניין, די שמוציקע שיך מיינע . . . יאָ, אויב עס גייט ניט איין וועג, פּרואווט איר אַ צווייטן . . . אָבער עס וועט דעם הער גענעראַל גאָרניט העלפן, ניט די שמייכ־לען און קאָמפּלימענטן און ניט אייערע דראָאונגען . . . יאָ, איך בין אַ יודין און בין גרייט אַף אַלעם ! וויסן זאָלן זי, עס איז אַמאָל געווען אַ אידישע פרוי, כאַנע האָט זי געהייסן. האָט זי געזען אַזעלכע ווי איר, אויך וועלט־באַהערשער, אומברענגען אירע זיבן זין און זי האָט זיך דאָך ניט געבויגן... ניין, מיר זענען ניט קיין וועלט־באַהערשער, אָבער שטאָלץ און ווירדע האָבן מיר . . .

— שווייגן, דו יודן־הור, שוויגן ! — האָט דער גענעראַל גענומען שיפּען ווי אַ שלאַנג, גענומען קנאַקן מיט די פויסטן איבער איר פּאָנים, אין די אויגן און אין די ציין, און זי צעבלוטיקט. — שווייגן, פאַרפלוכטע ! . . .

פייגעלע האָט געשוויגן. אַ מידע, צעבראָכענע, האָט זי גענומען ווישן דאָס בלוט פון זיך און זיך געפלייסט ווי ניט איז צו פאַרדעקן איר נאַקעטע ברוסט. דער גענעראַל האָט זי פּלוצים אַ ריס געטאָן פון דער קושעטקע, ברומענדיק:

— פאַר שמוציקע יודן־שוויינען איז דער פּלאַץ אַף דער ערד, דאָ ! . . .

פייגעלע איז געבליבן ליגן אַנמאַכטיק און זיך קוים געקאָנט באַוועגן. זי האָט אָבער באַוויזן צו פאַרדעקן די נאַקעטע ברוסט. דער גענעראַל איז גע־בליבן שטיין ווי געפּלעפט. אין דעם מאָמענט האָט ער זיך דערמאָנט ווי אַמאָל, ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געווען, בעת ער איז נאָך געווען אַ סטודענט אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע און זיך באַקענט מיט דער שיינער קעלנערין פון דער ברויערײ. מאַרלענע האָט זי געהייסן און גערופן האָט מען זי „דאָס צווייבער־מיידל“. קאָלעגן האָבן אים געזאָגט, אַז זי איז אַ שטאָלצע און טוגנדע. ער האָט זי אָבער איינמאָל איינגעלאַדן צו זיך אין צימער, איר עטלעכע קאָמ־פּלימענטן געמאַכט און אַ, ווי אַנדערש יענע האָט געהאַנדלט, ניט ווי דער יודישער שווין דאָ. אַזוי גיך ווי ער האָט נאָר יענער אַ קוש געטאָן און זי אָנגערופן ענגל און שאַץ, האָט זי אַ כאַפּ אַרויס געטאָן פון זיין האַנט דאָס גלעזל שנאַפּס, מיט איין שלונג עס אויסגעטרונקען און, אַ פריילעכע, זיך גע־וואָרפן אַף זיין האַלדז אַרויף. זי האָט אים געקושט, געהאַלדזט און זיך אים איבערגעגעבן אַן גוואַלד און אַן צוואַנג . . .

זיך דערמאָנט אין דעם און אַ שאַרפער האַס האָט זיך דערוועקט אין אים צו אָט דער מיזעראַבעלער, צעבלוטיקטער אידישער מיידל אַף דער ערד. ער איז פּלינק אַ שפּרונג־צו געטאָן צו איר, ווילד גענומען רייסן פון איר די קליידער און זיי אָוועקגעשמיסן צום צווייטן ווינקל. פייגעלע איז געבליבן ליגן אַ נאַקעטע און, אין איר פאַרצווייפלונג, פּראָבירט אַ צי טאָן אַף זיך אַרויף דעם איבערצוג

פון דער קרשעטקע. דער גענעראַל האָט איר אַ זעץ געטאָן איבער די הענט:

— ניכט רייסן, פאַרדאַמטע! ניכט וואַגן צעשטערן דויטשעס פאַרמעגן!...

ער האָט אַ קלונג געטאָן. די צוויי שטורמיסטן זענען אַריין.

— ברענגט צוריק אַריין דעם יונגן יודן־שוויין! — האָט ער באַפוילן.

זיי האָבן אַריינגעבראַכט מיילעכן. ער האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אַרומ־צוקוקן און זען וואו פייגעלע איז, אַז דער גענעראַל האָט אַ לאַך געטאָן:

— אָט איז זי, דיין געליבטע! זעסט, זי האָט מיך געוואָלט אָפּקויפן מיט איר קערפּער און דיך פאַראַטן. אָט ווי־פיל יודישער טוגענד האָט די ווערט...

מיילעך האָט אָפּגעקערט דאָס פּאָנים ניט צו זען פייגעלעס נאַקעטקייט. ער האָט אָבער באַמערקט דאָס בלוט אויף איר פּאָנים און פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט אויפגעציטערט און ווי צו זיך אַ זאָג געטאָן:

— מאַדנע, אָבער ווען אַ פרוי וויל זיך איבערגעבן מיטן אייגענעם ווילן, איז דאָך ניט פאַראַן קיין אורזאַך זי צו צעבלוטיקן...

דער גענעראַל איז צוגעטראָטן צו אים מיט זיינס אַ שפּיץ־רוט:

— די געמיינער הונט! ווי וואַגסטו אַזוי צו רעדן, דו?!...

ער האָט אַ גראַבל געטאָן מיטן שפּיץ־רוט איבער זיין פּאָנים און באַפוילן:

— גיי צו איר צו, שפּיי איר אָן אין פּאָנים און זאָג איר, אַז זי איז אַ הור, אַ יודישע שווייגען־הור, און אַז דו ווילסט זי מער ניט קענען!...

מיילעך האָט געשוויגן. געזען האָט ער, ווי פייגעלע, קימאַט אַ פּאַר־כאַלעשטע, האָט מיט פאַרביסענע ליפּן געריסן זשמעניעסווייז די האָר פון איר געדיכט־באַוואַקסענעם קאָפּ און מיט זיי געזוכט צו פאַרדעקן איר נאַקעטקייט. עס האָט מיילעכן אַזוי פאַרקלעמט ביים האַרצן, נאָר צום וויינען. דער גענעראַל האָט ניט אָפּגעלאָזט און נאָך שטרענגער געברומט:

— נון, געמיינער יודע, וועסט אויספירן מיין באַפעל, אָדער...

מיילעך האָט אַלץ געשוויגן. דער גענעראַל האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו זיינע שטורמיסטן:

— טוט אים אויס!

יענע האָבן מיט איין פליק אַ ריס אַרונטער געטאָן פון מיילעכן די הויזן. דער גענעראַל האָט מיטן באַמאַנאַקלטן אויג אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַרונטער, זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין נאַקעטן טייל קערפּער, שפּילעוודיק אַ לייכטן שמיץ געטאָן מיטן שפּיץ־רוט איבער זיין אָרגאַן און געשיפּעט:

— האָסט זי, זעט אויס, שטאַרק ליב, יודע. ניכט וואָר?...

מיילעך האָט אַלץ אָפּגעדרייט זיינע אויגן פון פייגעלען.

— אַלזאָ, פאַרפלוכטער, שפּיי איר גלייך אין די אויגן אַריין און זאָג איר, אַז זי איז אַ שווייגען־הור! נון, טו עס און איך וועל דיך גלייך פריילאָזן!...

מיילעך האָט פאַראַקשנט געשוויגן. אים האָט שטאַרק געשטיקט אין האַלדז

און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלץ ברענט אין אים. ער האָט דערפילט אַ פאַרלאַנג אַנצושפּייען דעם גענעראַל אין פּאַרצוף אַריין, וואָרים געזען האָט ער שוין איצט, מיילעך, אַז יענער וועט אים שוין סיי ווי קיין לעבעדיקן ניט אַרויס־לאָזן. דער גענעראַל האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אים, שטשירענדיק געשמייכלט און ווידעראַמאָל אים אַ שמיץ געטאָן מיטן שפּיץ־רוט. אָבער דאַסמאָל שוין שטאַרקער, אַז ער, מיילעך, האָט זיך אַזש אַ קאַרטשע געטאָן פון ווייטיק.

פייגעלע איז געלעגן אַנטקעגן אים אויף דער ערד, מיט איין האַנט פאַר־שטעלט די אויגן ניט צו זען מיילעכס פּײַן און, מיט דער צווייטער — אירע אָפּגעדעקטע בריסטן. איר האָט מיטאָמאָל אַרומגענומען אַזאַ שטאַרקער ראַכ־מאָנעס צו אים, אַז זי וואָלט צופרידן געווען ער זאָל איר אָנשפּייען אין די אויגן, אַבי אויסצומיידן די פּערווערטע עקזעקוציע. ערשט איצט האָט זי צום ערשטן מאָל באַגריפן ווי שטאַרק מיילעך מוז זי ליב האָבן צו שטיין אַזוי פעסט און אַזוי צו לײַדן צוליב איר . . .

דער גענעראַל איז מאַשמאָעס געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט זיך ווידער פאַרמאָסטן מיטן שפּיץ־רוט און דאַסמאָל שוין אַזאַ שטאַרקן שניט געטאָן מיילעכן, אַז עס האָט זיך געדאַכט ער וועט אים אויף העלפט איבערשנײַדן. מיי־לעך האָט זיך אַ דריי געטאָן און איז אומגעפאַלן אַ פאַרכאַלעשטער...

די שטורמיסטן האָבן אים אָפּגעמינטערט מיט וואַסער, אָבער אים געלאָזט ליגן אין ווייטיקן אויף דער ערד, לעבן פייגעלען.

— נון גוט, — האָט דער גענעראַל טראַציק געלאַכט, — אויב דו האָסט זי טאַקע אַזוי ליב און ביסט אַלץ גרייט זי צו הייראַטן, וועל איך, זעט אויס, דאַרפן באַפעלן מען זאָל אײַך ווי געהעריק צוגרייטן. ניכט וואָר, כע־כע־כע...

עס האָט אויסגעזען, אַז דער גענעראַל האָט גרויס האַנאָע געהאַט פון זײַן אײַנפאַל, ווײַל ער האָט געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:

— יאַ־יאַ, קרייץ־דאָנער־וועטער, מיר וועלן אײַך צוגרייטן ווי געהעריק! מיר וועלן דאָס טאָן צו אַלע יודן־שווײַנען, צו אַלע!... מיר וועלן אײַך אויס־בילדן, אײַך אויסלערנען ווי זיך צו באַנעמען צו אָפּיצירן פון דויטשן רײַך!...

ער האָט געהייסן איינעם פון די שטורמיסטן צוזוואַרפן ביידן זייערע קליידער און דעם אַנדערן אַ באַפעל געטאָן:

— פאַרבינד מיך מיטן הויפּט־דאָקטאָר פון קאָמענדאַנטור־לאַזאַרעט!...

יענער איז אַרויס. פייגעלע און מיילעך האָבן מיט אַנגסטן אַרויפגעצויגן די קליידער אויף זיך און געבליבן ליגן איינער לעבן צווייטן, שווייגנדיק, אָבער מיט פאַרשטענדיקונג אין די בליקן. באַלד האָט דער שטורמיסט געמאָלדן, אַז דער דאָקטאָר איז אויפן טעלעפאָן. דער גענעראַל האָט גענומען רעדן:

— הייל היטלער! עס רעדט דער שטורם־קאָמענדאַנט פריץ פאָן הענקעל!

און מיטאָמאָל, אָנווייזנדיק אויף די צוויי צעפּייניקטע, אַ לאַך געטאָן:

— איך האָב דאָ ביי זיך, הער פּראָפעסאָר, צוויי יונגע יודן, צוויי טיף־ליבנדע זעעלן — איין געליבטעס פּאָר. די האָבן געפּלאַנט צו הייראַטן, אָבער עס זענען פאַראַן געוויסע שטערונגען. דער הער פּראָפעסאָר וועט דאַרפן גע־פעליק זיין און זיי געהעריק צוגרייטן צו דער הייראַט. פאַרשטאַנען, כע־כע־כע...

דער דאָקטאָר האָט אָפּאָגים פאַרשטאַנען. דער גענעראַל האָט דאַן געהייסן די שטורמיסטן אַריבערפירן דאָס פּאָרל אין דער קאָמענדאַנטור־געפענגעניש, וואָס האָט זיך געפונען אין „פּאַוויאַק". אַזוי גיך ווי יענע האָבן די צחיי מענטשן אַרויסגעשלעפּט ביי די פיס, האָט דער קאָמענדאַנט פאַרגעזעצט:

— מיר מוזן, הער פּראָפעסאָר, דאָס יודן־געזינדל פאַראומווירדיקן, דער־נידעריקן און זיי מאַכן צום פילן זיך נישטיק און קליין; אַז זיי אַליין זאָלן אויך אָנהויבן גלויבן אין זייער אומווירדיקייט. איינפאַרשטאַנען?—גוט. הייל היטלער!

אָף צו מאָרגנס, אָבער, האָט דער קאָמענדאַנט באַקומען פון דאָקטאָר אַ מעלדונג, אַז איבער דעם וואָס די צוויי סוביעקטן זענען נאָך באַוואוסטלאָז און אָפּגעשוואַכט איבער דעם בלוט־פאַרלוסט, וועט נויטיק זיין אָפּצולייגן די גע־פּלאַנטע אָפּעראַציעס אָף עטלעכע טעג, ביז ער וועט זיי עטוואָס צוריק אויפ־בויען און דאַן . . .

דער גענעראַל איז געווען אויפגעבראַכט בעאייסן לייענען די מעלדונג. ער האָט דאַן מיט רויטן טינט אָנגעשריבן דערויף אַ נייע פאָדערונג דורכצופירן דעם באַפעל ביי דער ערשטער מעגלעכקייט און דערביי צוגעבראַכט:

— נון, איז נאָך אַ טאָג־צוויי. דערפאַר אָבער וועלן מיר גלייך נאָכדעם דעם שוויין אָוועקשיקן אין אַ שקלאַפן־לאַגער אָף שווערער אַרבעט און זי, די שווינען־הור, וועט פונקט צוגעפּאַסט זיין פאַר אַ סאָלדאַטן־באָרדעל, כע־כע !...

* * * * *

**עטלעכע מעסלעס** זענען אַריבער זינט מען האָט אַריבערגעפירט מיילעכן מיט פייגעלען אין פּאַוויאַק־שפּיטאָל און זיי זענען אַלץ געלעגן אין הויכער היץ — באַוואוסטלאָז. עטלעכע טעג האָבן זיי מאָמעש געשוועבט צווישן לעבן און טויט איבער די מאַטערנישן ביים קאָמענדאַנט און קלעפּ פון די שטורמיסטן. דער דאָקטאָר האָט פאַראָרדנט אים צו מעלדן אַזוי גיך ווי זיי וועלן נאָר קומען צו זיך, קעדיי גלייך צו קאָנען דורכפירן די אָפּעראַציעס לויטן קאָמענדאַנטס באַפעל . . .

עס איז געווען אינמיטן נאַכט ווען מיילעך איז דער ערשטער געקומען צו זיך. דערזעענדיק פייגעלען אָפן שטרוי־זאַק אָף דער ערד אַנטקעגן זיך, האָט ער זיך גלייך דערמאָנט וואָס עס איז געשען. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און איז אָף אַלע פיר צוגעקראָכן צו איר. פייגעלע איז נאָך געווען שטאַרק אָפּגע־שוואַכט און דערשיטערט. מיילעך האָט זי שטילערהייט גענומען באַרויקן און

צערטלען. ער האָט זי געטרייסט, אַז אַלץ וועט זיך נאָך ענדיקן צום גוטן און אַז זיי וועלן זיך נאָך אַרויסראַטעווען פון די נאַצישע נעגל:

— איך גלייב אין די קויכעס פונעם פאָלק, — האָט ער איר געזאָגט, — איך בין זיכער, אַז עס וועט לאַנג ניט שווייגן. עפּעס וועט זיכער געשען . . .

פייגעלע האָט געקוקט אַף מיילעכן מיט דאַנקבאַרקייט. זי האָט געהאַלטן זיין האַנט אַף איר האַרץ און געשעפּטשעט צו אים אַזוי האַרציק, אַזוי ליבלעך, אַז מיילעך האָט ווי פאַרגעסן אין זיינע ווייטיקן און איר אַלץ אויסגערעדט:

— נאָר ניט פאַרצווייפלען, פייגעלע, נאָר ניט פאַרצווייפלען!... וואָרים דאָס איז דאָך טאַקע וואָס די נאַציס ווילן צום סאַמע ערשטן זען ביי אונדז . . .

פייגעלע איז געוואָרן אַזוי באַווירקט פון מיילעכס טרייסט־רייד, אַז זי האָט זיך פאַרטרוילעך געטוליעט צו אים, ליבלעך אים אַ צי געטאָן צו זיך און אים אַ קוש געטאָן אין די ליפּן אַריין. דערביי האָט זי מיט הייסע טרערן געבעטן:

— זיי מיר מוחל, מיילעך, פאַר דער פּיין וואָס איך האָב דיר געהאַט פאַרשאַפט. איך וועל זיך פלייסן דיך צו פאַרשטיין און דיך ווערט צו זיין . . .

מיילעך האָט מיט פרייד איר אויסגעקושט די טרערן . . .

אַף צומאָרגנס, עס איז געווען שאַבעס שוין באַלד צו אָונט צו, האָט דער טעלעפאָן ביים דאָקטאָר אין קאַבינעט אַ קלונג געטאָן. דער קאָמענדאַנט, פון יענער זייט, האָט זיך שטאַרק געבייזערט אַף אים:

— אַלזאָ, פּראָפעסאָר צווילער, נאָך אַלץ מיין באַפעל ניט דורכגעפירט?!...

דער דאָקטאָר האָט זיך גענומען פאַרענטפערן:

— אויב דער הער קאָמענדאַנט וועט באַפעלן, וועל איך גלייך דורכפירן די אָפּעראַציעס איבער די צוויי סוביעקטן. איך האָב אָבער געגלויבט, אַז עס וואָלט פיל בעסער געווען ווען דאָס זאָל געמאַכט ווערן ווען זיי וועלן זיין ביי דעם פולן באַוואוסטזיין. זאָלן זיי זען און וויסן וואָס עס ווערט געטאָן צו זיי . . .

— דומהייטן! — האָט דער קאָמענדאַנט זיך ווייטער געבייזערט, — יעדנפאַלס בין איך שטאַרק אַנטוישט און איך טרוי אייך ניט מער, הער פּראָפעסאָר. איך האָב דעריבער פאַראָרדנט צוויי שטורמיסטן איבערצונעמען פון אייך די צוויי יודן־שווינעס און זיי אַריבערפירן אין אַ מער פאַראַנטוואָרטלעכן פלאַץ. וואו מיין באַפעל וועט דורכגעפירט ווערן!... גרייט זיי גלייך צו און . . .

דער דאָקטאָר האָט געציטערט און צוגעבאָמקעט:

— הייל היטלער! ווי זי ווינטשן, הער קאָמענדאַנט! זאָל איך אויך האָבן גרייט אַ געפענגניש־אַמבולאַנס, אַ קראַנקן־אויטאָמאָביל, הער גענעראַל? . . .

— קיינע אַמבולאַנסן! — האָט יענער טרוקן אָפּגעברומט. — אַ געוויינטלעכער אויטאָ איז אויך צו גוט פאַר שמוציקע יודן־שווינען! זעט אָבער, אַז ווען די לייט וועלן קומען זאָלן זיי ניט דאַרפן וואַרטן קיין איבעריקע סעקונדע!

דער דאָקטאָר האָט ווידער אָפּגעענטפערט מיט אַ „הייל היטלער”, „צו

דינסט" און — אַ צעשוויצטער — זיך געלאָזט גיין צוגרייטן, ווי באַפוילן, די געפּאַנגענע. אין דעם מאָמענט, אָבער, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ גרויסער אומרו און צווייפל, צי דאָס איז גאָר ביכלאַל געווען דער קאָמענדאַנט וואָס האָט גערעדט צו אים, און ער האָט באַשלאָסן דאָס נאָכצוקאָנטראָלירן. ער האָט גענומען דעם טעלעפאָן און פאַרלאַנגט צו פאַרבינדן אים מיט דער קאָמענדאַנטור און דעם קאָמענדאַנט. ער איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן ווען ער האָט דערהערט דעם קאָמענדאַנטס געבייזער:

— קרייץ־דאָנער־וועטער נאָך איין מאָל! וואָס שפּילט איר זיך מיט מיר? וואָס גייט אייך אָזוי אין לעבן צו זאָרגן איבער די צוויי פאַרפּלוכטע יודן? איר וועט מאָנטיק ראַפּאָרטירן צו מיר אין קאַנצעלאַריע וועגן דעם, הער פּראָפעסאָר!

דער דאָקטאָר האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל און געלאָפן דורכפירן דעם באַפעל. באַלד, אין זעלבן מאָמענט וואָס מען האָט באַוויזן אַרויסצוטראָגן די צוויי מענטשן אַף טראַגעס, איז צום פּאַוויאַק־טויער צוגעפאָרן אַ גרויסער אויטאָמאָביל מיט אַ פענדל פון דער קאָמענדאַנטור. צוויי שטורמיסטן זענען אַריין אין הויף. זיי האָבן דעם דאָקטאָר איבערגעגעבן אַ געשריבענעם באַפעל פון קאָמענדאַנט און יענער האָט דאָס גענוי דורכקאָנטראָלירט. דערנאָך האָבן די צוויי שטורמיסטן זיך אונטערגעשריבן, אַז זיי האָבן איבערגענומען די פּאַציענטן, געהייסן אַריינזעצן זיי אין הינטערשטן געזעס פון אויטאָמאָביל און...

דעם גאַנצן אָוונט האָט דער אויטאָמאָביל זיך געטראָגן ווייט פון דער שטאָט אַרויס. ערשט שפּעט ביינאַכט איז ער אַריינגעפאָרן אין אַ געדיכטן וואַלד אַריין. דאָרט האָט מען די צוויי קראַנקע פאַרזיכטיק אַרונטערגענומען פונעם אויטאָמאָביל, זיי אַריינגעטראָגן אין אַן ערד־שטיבל און זיי אָוועקגעלייגט אַף ווייך־געבעטע בעטלעך. באַלד זענען אַרום זיי געשטאַנען אַ צאָל מענטשן:

— זייט רואיק, — האָט עמעצער קימאַט אויסגעזונגען צו זיי, — איר געפינט זיך איצט אין זיכערקייט צווישן פריינט, צווישן אייגענע...

מיילעך און פייגעלע — צעטומלטע פון איבעראַשונג — האָבן קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסרעדן. זיי האָבן פונדעסטוועגן באַנומען וואָס דאָ איז געשען און מיט דאַנק פאַרגיטיקנדיק געשמייכלט. ערשט שפּעטער האָט מיילעך דערקענט צווישן די מענטשן עטלעכע יאָטן פון פאַך און פאַר אים איז מיטאַמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן:

„אָ, דאָס איז דאָך די ,שמירער' פּאַרטיזאַנען־גרופּע, וואָס ער אַליין האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן. אַפּאַנים, אַז דאָס איז זייער ערשטע שטיקל אַרבעט..."

די צייט און סוויווע, די ליבשאַפט און געטריישאַפט פון די פּאַרטיזאַנען האָט געטאָן וואונדער מאַמעש. מיילעך און פייגעלע האָבן זיך אָנגעהויבן צו בעסערן. מען האָט זיי שוין אַרויסגענומען פונעם ערד־שטיבל און אָוועקגעזעצט אין דער קליינער עפּענונג אינעם וואַלד, וואו די זון האָט אַפילע אין די ווינטער־

טעג זיך באַוויזן דורכצורייסן מיט אירע היילונג־שטראַלן. זענען זיי געזעסן איינער לעבן אַנדערן, אַרומגעוויקלט מיט וואַרעמע דעקן און שטיל געשמועסט. אַרום זיי, אין דער סאַמע געדיכטעניש פון וואַלד, זענען יאַטן געשטאַנען וואַך מיט געלאַדענע ביקסן, זיך איינהערנדיק צום קלענצטן שאָרך און גערויש . . .

ערשט דאַ, אין וואַלד, האָט פייגעלע זיך גענומען דערנעענטערן צו מיילעכן און קימאַט צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז זי האָט אים ליב, שטאַרק ליב. זי האָט האַנאַע געהאַט פון זיינע רייד און געגאַפט פון די זאַכן וואָס ער האָט איר דערציילט און פון וועלכע פיל זענען פאַר איר געווען מאַמעש אַנטפּלעקונגען. איין זאַך האָט זי אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין און אַלץ איבערגעפרעגט:

— פאַרוואָס זשע פייניקט מען אונדז? פאַרוואָס וויל מען אונדז פאַרטיליקן?

מיילעך האָט מיט ביטערקייט געשמייכלט:

— פייגעלע געדענקט אַוואַדע דאָס לידל „רויטע קאַרשעלעך רייסט מען“. פאַרוואָס רייסט מען די קאַרשעלעך? — ווייל זיי זענען צייטיק, רייף . . . דער עמעס איז, אַז יעדער סוינע אונדזערער שאַפט זיך זיינע אייגענע מאָטיוון. וויפל סאָנים — אַזויפיל מאָטיוון. ביי איינעם זענען מיר ברעכער פון דער איינגע־שטעלטער אָרדנונג, ביי אַ צווייטן — האַלטן מיר גאָר צוריק דעם פּראָגרעס. איינמאָל זענען מיר אַ פאָלק פון עקספּלואַטאַטאָרס, וואָס אונטערדריקט זייער פאָלק, אַ צווייטמאָל זענען מיר גאָר רעוואָלוציאָנערן, וואָס באַקעמפן די הערשנ־דיקע קלאַסן. אָפט און ביי אַ טייל זענען מיר ביידע צוזאַמען: אי רעוואָלו־ציאָנערן, אי באַנקירן . . . דער אויספיר, אָבער, איז באַ זיי אַלעמען איינער:— פאַרניכטן, פאַרטיליקן . . . אָבער פונקט ווי מיט אָפּרייסן די רויטע קאַרשן קאָן מען דעם עצעם קאַרשן־בוים ניט אָפּטויטן, ווייל עס וועלן אויפקומען נייע קאַרשן, — פונקט אַזוי וועלן זיי ניט קאָנען אָפּטויטן דאָס אידישע פאָלק, ווען עס זאָל זיי אַפילו געלינגען אַ טייל פון אונדז אָפּצורייסן פון דעם לעבנס־בוים. אַנדערע דורעס וועלן אויפקומען, נייע אידישע קינדער וועלן געבוירן ווערן און דאָס אידישע פאָלק וועט ווייטער לעבן, אייביק לעבן! . . .

פייגעלע האָט מיט ליבשאַפט זיך צוטרוילעך געטוליעט צו מיילעכן . . .

* * * * *

צום פרילינג צו זענען שוין ביידע, מיילעך און פייגעלע, צוריק אַף די פיס געווען. און נאָך גיכער ווי דער אָטריאַד־דאָקטאָר האָט זיי דערקלערט פאַר געזונט, האָבן זיי ביידע פאַרלאַנגט מען זאָל זיי באַ־שטימען אַף צו טאָן אַרבעט. און וואו נאָר אַ געפערלעכע מיסיע, וואָס דער אָטריאַד האָט געדאַרפט דורכפירן קעגן די נאַצים, האָבן סיי מיילעך און סיי פייגעלע זיך פרייוויליק אַרויסגערופן צו זיין אין איר. זיי האָבן געטאַיִנעט:

— מיר האָבן דאָך אַ באַזונדערן רעכנונג מיט די נאַצים. עס קומט אונדז . . .

איבער דער צייט האָט מיילעך — איצט שוין אונטער אַ ריין „אַרישן״ נאָמען, מיט געהעריקע דאָקומענטן — זיך אָפּט אַריינגעכאַפּט אין שטאָט אַריין אויסצוגעפינען געוויסע אינפאָרמאַציע, אָדער איבערגעבן מעלדונגען, און בעאיס דעם זיך אויך אַריינגעגאַנגען אין דער ניי־איינגעשטעלטער געטאָ.

דעם ערשטן מאָל פון זיין באַזוך האָט ער זיך דערוואוסט, אַז באַלד אָפּן צווייטן טאָג נאָכדעם ווי מען האָט אים און פייגעלען אַרויסגעגאַנגען פון פּאַוויאַק, האָט דער קאָמענדאַנט — אַן אויפגעבראַכטער איבער דעם וואָס מען האָט אים צום נאַר געמאַכט — באַפוילן צו פאַרנעמען פּעסעלען, די איינציק־פאַרבליבענע פון דער מישפּאָכע. אינמיטן נאַכט האָבן שטורמיסטן זיך אַריינ־געריסן צו איר און — ניט געקוקט וואָס זי איז געלעגן קראַנק — זי אַרויס־געשלעפּט פונעם געלעגער, זי ערגעץ אַוועקגעפירט און ביז היינט צו טאָג איז אומבאַוואוסט וואָס זיי האָבן געטאָן מיט איר . . .

אַ צווייטמאָל האָט ער אויסגעפונען, אַז מען האָט געזען צאַלעלען אין אַ שקלאַפן־לאַגער ניט ווייט פון וואַרשע, וואו ער אַרבעט אין אַרסענאַל ביים פאַרבן פּולווער־פּעסלעך און ביים שרייבן אויף זיי די געהעריקע סיגנאַטורן . . .

מיילעך האָט דעריבער צוזאַמען מיט פייגעלען געטראַכט וועגן פּלענער ווי צו באַפרייען צאַלעלען, אָבער דערווייל האָט זיך קיין מעגלעכקייט ניט געזען דערפאַר. עס זענען געווען וויכטיקערע אַרבעטן פאַרן אַטריאַד און אַרויסצו־נעמען צאַלעלען פון לאַגער איצט, איז געווען פאַרבונדן מיט צו גרויסע געפאַרן. האָט מען דאָס אָפּגעלייגט אויף אַ מער גינסטיקער צייט און אַלץ געהאָפט . . .

אַזוי זענען פאַרביי יאָרן. יאָ, העכער פון פינף יאָר. די ערשטע פּאָר יאָר —אין גרויס זאָרג, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פאַרצווייפלונג. דערפאַר אָבער מיט טיפן גלויבן, אַז די נאַציס וועלן סוף קאָל סוף דאָך געשלאָגן ווערן. און אַז עס איז ענדלעך אָנגעקומען די ערשטע ראַדיאָ־מעלדונג וועגן די אָפענסיוועס פון די רויטע אַרמייען און די נאַצישע נידערלאַגעס, איז די האָפנונג פאַר־צענפאַכט געוואָרן. איצט איז שוין געשטאַנען די פראַגע: ווי גיך וועט דער סוף קומען.

און וואָס נעענטער די רויטע אַרמיי איז געקומען צו וואַרשע, אַלץ אַק־טיווער איז דער פּאַרטיזאַנען־אַטריאַד געוואָרן. יעדער טאָג — אַן אַנדערע אויפגאַבע. אַט — אויפצורייסן אַ צוג מיט דייטשישע סאָלדאַטן וואָס פאָרן צום פראָנט; אַט — מינירן און צעשטערן דעם אייזנבאַן־וועג, קעדיי אים צו פאַר־שטאָפּן פאַר די נייע מיליטערישע טראַנספּאָרטן. און אומעטום, אין יעדער אַקציע, איז געווען אָדער מיילעך, אָדער פייגעלע, אָדער אָפילע ביידע צוזאַמען. איצט איז שוין געווען זיכער, אַז די נעקאָמע אין די נאַציס איז נאָענט . . .

איינמאָל, אין אַן אָוונט ווען דער אַטריאַד האָט ניט געהאַט קיין באַזונדערע אויפגאַבע און די פּאַרטיזאַנען זענען געווען פאַרנומען ווער מיט וואַשן וועש,

ווער מיט סטאַם אַפּרוען זיך, האָט פייגעלע פּלוצים אַ זאָג געטאָן צו מיילעכן:

— איך גלויב, ליבער, אַז די צייט איז געקומען מיר זאָלן כאַסענע האָבן. וואָרים אויב די נאַציס האָבן געוואָלט מיר זאָלן אומקומען צוזאַמען, דאַרפן מיר איצט, לעהאַכעס זיי, לעבן צוזאַמען . . . אָבער אויב עס דאַרף כאָלילע עפּעס געשען מיט איינעם פון אונדז, וויל איך, אַז ביים צווייטן זאָל בלייבן דער באַוואוסטזיין, אַז מיר האָבן געהערט איינער דעם צווייטן; אַז מיר זענען געווען פאַרייניקט . . .

מיילעך האָט פריידיק איינגעשטימט . . .

אַף צומאָרגנס איז אין וואַלד פאָרגעקומען די כאַסענע. אַלע פאַרטיזאַנען האָבן געטאַנצט, זיך געפרייט און געוואונטשן גליק דעם געראַטענעם פּאָרל...

דערוויל האָבן די שלאַכטן, וואָס האָבן זיך געהאַט אָפּגעשטעלט אַף עטלעכע וואָכן, זיך ווידער אָנגעהויבן. די רויטע אַרמיי האָט זיך גענומען טראָגן נעענטער צו וואַרשע, אַפּרייניקנדיק מאָסן שטעט און שטעטלעך פון די נאַציס...

און טאַקע דעמלט האָבן די נאַציס, אין זייער עוואַקואַציע, מיטגעשלעפּט די שקלאַפן־ספּעציאַליסטן פון די לאַגערן, צווישן זיי אויך צאַלעלן. די פּאַרטיזאַנען האָבן באַקומען די מעלדונג אין צייט און האָבן, נאָך געלונגענעם פּלאַנירן, געמאַכט אַן איבערפאַל אַף דעם טראַנספּאָרט, באַפרייענדיק די געפאַנגענע מיט צאַלעלן צווישן זיי. צאַלעל — אַ שטאַרק געעלטערטער, צעבראָכענער און איינגאַנצן אַן אָפּגעגאַלטער — ווען ער איז געבראַכט געוואָרן אין וואַלד אַריין און דערזען פייגעלען מיט מיילעכן, — האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט ווי אַ קינד.

און אַז עס איז ענדלעך ליכטיק געוואָרן אין דער פּראַגער זייט פון די טויזנטער גראַנאַטן, וואָס די סאָוועטישע אַרטילעריע האָט געשפּיגן אַף די אָפּטרעטנדיקע נאַציס, זענען מיילעך מיט צאַלעלן אינמיטן נאַכט אַריבער דעם ווייסל, זיך אַריינגעגאַנוועט אין שטאָט אַריין און אַוועק צו דער קאָמענדאַנטור. דאָרט, אונטער אַ צעשמעטערטן וואָגן אַף דער גאַס אַנטקעגן, האָבן זיי זיך באַהאַלטן און פאַרטייעט געטשאַטעוועט, אַז דער קאָמענדאַנט הענקעל זאָל אָנקומען. זיי האָבן געוואוסט:

— נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג און דער שטשור וועט זיכער נעמען לויפן פון דער נאַצישער זינקענדיקער שיף אין אַ פאַרזוך זיך צו ראַטעווען.

צו לאַנג וואַרטן האָבן זיי ניט געדאַרפט. אַזוי גיך ווי איבער דעם הימל אין וואַרשע האָבן זיך גענומען שפּרייטן פלאַמען מיט וואָלקנס רויך פון די מאָסן געטראָפענע הייזער און עס האָט זיך דערטראָגן דער געטראַסק פון די סאָוועטישע טאַנקען, האָבן די נאַציס אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען פון שטאָט אַרויס. צאַלעל האָט פון אַ שפּאַלט אַרויס דערזען דעם קאָמענדאַנט אַרויסקומען פון הויז אַרויס. ער און מיילעך זענען אים אַנטקעגנגעקומען און, מיט רעוואָלווערן אין די הענט, אים געצוואונגען זיך פאַרנעמען אין דערבייאיקן זייטיקן געסל:

— וואַרט אַ ווייל, הער קאַמענדאַנט, יאָגט זיך ניט. מיר דאַרפֿן פֿריער נאָך שליכטן אַ געווויסן איניען מיט אייך! . . .

העקעל האָט בלויז איין קוק געטאָן אויף די צוויי מענער אַנטקעגן זיך און, כאָטש די ביידע זענען געווען געעלטערט און צעשויבערט, זיי גלייך דערקענט. ער האָט גענומען ציטערן און זיך אַ וואָרף געטאָן צו זייערע פֿיס, בעטנדיק:

— האָט מיטלייד! איך בין אומשולדיק! אַלץ איז געווען לויטן באַפֿעל פֿון דער העכערער קאָמאַנדע. איך . . . בין אייער פֿריינט . . .

מיילעך האָט אים אַ שפּיי געטאָן אין די אויגן און גאַליק צוגעוואָרפֿן:

— אומווירדיקער הונט! אַפֿילו שטאַרבן מיט ווירדע קאָנט איר אויך ניט! און איר האָט דאָס געוואָלט זיין די הערשנדיקע ראַסע אויף דער וועלט... געדענקסט, האָסט מיך אַמאָל געהייסן שפּייען און איך פֿאַלג דיך . . .

דער קאָמענדאַנט האָט געוואָלט עפּעס ענטפֿערן, אָבער צאַלעל, באַמערקנדיק פֿון דער זייט גאַס אָנקומען אַ נאַצישן פּאַטראָל, האָט אַ וואונק געטאָן צו מיילעכן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַ צי געטאָן דאָס רעוואָלווער־צינגל און . . .

זיי זענען אַוועק, איבערלאָזנדיק פֿאַן העקעל ווי אַ טויטע נעוויילע אויף דער גאַס. אַפּטרעטנדיקע דייטשן האָבן געטראָטן איבערן צעוואַליעטן קערפּער, ניט האָבנדיק קיין צייט אַ קוק צו טאָן אַפֿילו וועמעס קערפּער דאָס איז . . .

ביי די פּאַרטיזאַנען, ספּעציעל ביי פּייגעלען, איז די פֿרייד גאָר גרויס געווען ווען עס איז באַוואוסט געוואָרן אַז מיילעך האָט באַצאָלט העקלען פֿאַר זיינע מאַיסים. זי האָט אים אַרומגענומען, הייס געקושט און געפּליסטערט:

— ביסט גערעכט געווען, ליבער. אונדזערע סאָנים וועט קיינמאָל ניט געלינגען אונדז אומצוברענגען. דאָס אידישע פֿאָלק וועט זיי טאָמיד איבערלעבן...

אַ שעמעוודיקע האָט זי זיך צוגעבויגן צו אים און אים אָנגעזאָגט אַ סאָד, אַז איינגיכן וועט אָנקומען אַ נייער אידישער דאָר אויף דער וועלט, אַ קינד — אַן אָנזאָג, אַז דאָס אידישע לעבן וועט פֿאַרגעזעצט ווערן, אויף ווייטער, אויף אייביק..."

* * * * *

**מיין באַזוכער** האָט געענדיקט. איך — איינגאָנצן אַ פֿאַרכאַפּטער פֿון דערציילטן — האָב געשוויגן, ווי איך וואָלט אויף אַ צווייטער וועלט געווען. איך האָב געקוקט אויף אים און מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ שאַנד. איך האָב געטראַכט:

„וואָס האָב איך געטאָן דאָ, אין מיין רואיקער, זיכערער אַמעריקע, אויף צום העלפֿן די וואָס זענען אַזויפֿיל דורכגעגאַנגען און האָבן זיך ווי דורך ניסים קוים געראַטעוועט פֿון די נאַצישע נעגל? . . ."

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך אין מיין טיפֿן אומרו . . .

* * * * *